יצחק ליבמאַן

ביי"ער און שאַפער פון זיין דור

מיכל ליכט

א

אין די סוף־טעג פון חודש סעפטעמבער, 1954, אָדער ביים סאַמע ערב פון ערב ראש השנה תשט"ו — בעת אָט־די אין־צערודערונגגעצייכנטע שורות ווערן געשריבן, זיינען שוין היפשע עטלעכע חדשים באַאַריבער זינט מיכל ליכטס ערשטער יאָרצייט איז אַדורך אָן שום באַמערקונג אין דער אידישער פּרעסע, אָן שום אויפמערק פון וועמען עס־איז פון זיינע אַזוי־געשוואָרענע פריינט, יוגנט־מיטאַרבעטער און פאַרערער, וועלכע האָבן צו זייער דיספּאָזיציע טעגלעכע און וועכנטלעכע און מאָנאַטלעכע אויסגאַבן. מיטן אויסנאַם פון ש. טענענבוימס אַ לענגערער אַרבעט וועגן מיכל ליכטן וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין „וואָכנבלאַט" אין 4 המשכים, אָנהויבנדיק פון דעם חודש יוני, פונקט צו זיין ערשטן יאָרצייט, איז, ווי אויבן באַמערקט, מיט דאָס סאַמע מינימאַלע ניט דערמאָנט געוואָרן ערגעץ־אַנדערשוואו דער ערשטער יאָרצייט פון דעם סאָלידסטן אידישן פּערז־און־וואָרט־ווירטואָז פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

נאָר וואָס איז דאָ צו ריידן פון אַ יאָרצייט, אַז זיין פרישער אויסלעש, — זיין לוויה, איז פון ליטעראַרישע פּאָליטיקאַנטן אויסגענוצט געוואָרן צו אַרויסהויבן זיך אויפן חשבון פונם ניט־ווערנדיקן קאָלעגע?

ב

די פאַרשוועכונג פון מיכל ליכטס נאָבעלן אָנדענק האָט מיך אַזוי געהאַלטן געקלעמט אין ניט אויפהערנדיקער אויפרעגונג, אַז מיין ערשטן וואָרט פון טרויער איבער דער אומפאַרבייטלעכער אבידה ביי אידן האָב איך ניט געקענט אויסלאָזן ווי „די עוועניו באַווײנט דעם דיכטער". אויך מיין צמצומדיקער נעקראָלאָג אויף דער הייס־טרויערנדיקער מינוט איז אַ קאַפּיטל וועלכער וואַרפט אַ שיין אויף דעם ענויימדיקן לעבן פון אַ חד בדרא.

אין יוני, 1953, האָב איך , בכן, אַזוי פאַרצייכנט, למען טרויער, למען האמת און למען געשיכטע:

דער טאָרנאַדאָ וואָס טראָגט זיך לעצטנס אַכזריותדיק צווישן די אַלייען פון דעם היגן אידישן ליטעראַרישן גאָרטן, און האָט באַוויזן אַזש אויסצואָרצלען אַזאַ שטאַמיק־פאַראַנקערטן דעמב ווי הערמאַן גאָלד, האָט שוין די טעג אויך אויסגעלאָשן דאָס לעצטע פונק לעבן פון דעם קרוין־טרעגער פון עכטסטן מאָדערנעם אידישן קונסט־וואָרט אין דער וועלט, — די נשמה פון דעם איש תמים מיכל ליכט ע"ה.

דער ווירטואָז פון מאָדערנעם אידישן וואָרט האָט, אָן ספק, געלעבט אַן ענוים־לעבן אין די לעצטע צוויי דעקאַדעס; ער איז, אָבער, געשטאָרבן, מעשה צדיק, מיט מיתת־נשיקה. מיטוואָך, דעם 10טן יוני, אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטאָג, אויף זיין טעגלעכן געלאַנגזאַמטן שפּאַציר אין פּאַרק פאָרדהעם היל, בראָנקס, האָט אַ האַרץ־אַטאַקע פאַרענדיקט זיינע לעצטע דיכטערישע מעדיטאַציעס און זיינע לעצטע באהבה־גענומענע יסורים.

מיכל ליכט ע"ה, דער באַוואוסטזיניקער אידישער דיכטער האָט זיינע הויפּט־ווערק פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל „אונזער בוך", אין די יאָרן 1926—1930. די לידער פון זיין צווייטן בוך „וואַזאָן", וועלכן דער שרייבער פון די שורות האָט אַרויסגעגעבן אין 1928 — און זיין דריט בוך „פּראָצעסיעס און אַנדערע לידער" זיינען כמעט אַלע פריער געדרוקט געווען אין „אונזער בוך", — דער זשורנאַל, וואו ליכט איז פאַר 5 יאָר, לפי ערך, געווען אָנגעשטעלט אַלס סעקרעטאַר. דער קינפטיקער פאָרשער פון מיכל ליכטס איינציקאַרטיקן צוטראָג צו דער אידישער ליטעראַטור וועט, בכן, אין „אונזער בוך" געפינען דעם לייבן־טייל פון זיין שאַפן, אונטער זיין נאָמען און אויך א. נ. „א. בעלאַזאַרקער".

אויף דער לוויה, וואָס איז פאָרגעקומען פרייטאָג, 10 אַזייגער אין דער פרי פון „ברעטשנשניידערס פיונעראַל פּאַרלאָר", 7טע גאַס און צווייטע עוועניו, ניו־יאָרק, האָט מיכל ליכטס נאָענטער קאָלעגע, נ. ב. מינקאָוו, אין זיין רעדע, עטלעכע מאָל פּרובירט דעם נפטר אַריינרעכענען „צווישן די" און „צווישן די", וואָס דאָס איז געווען אַ פעלשונג פון דעם אמת און אַ פאַרשוועכונג פון דעם אָנדענק פון מיכל ליכט, — דער וואָס האָט מיט דער קראַפט פון זיין קונסט און מיט דער מאַכט פון זיין וואָרט געטורעמט הימל־הויך איבער אַלע זיינע צייט־קאָלעגן.

נאָר — אַ פאַרזוך פון אַן אָפּשאַץ פון מיכל ליכט — אין אַ ווייטערדיקן נומער „וואָכנבלאַט".

מיכל ליכט

געצייכנט פון עוועלין מאַרקאָן

ג

מיט וואָס קען מען דערקלערן, פאַר זיך קודם־כל, וואָס דער „פאַרזוך פון אַן אָפּשאַץ פון מיכל ליכט" האָט גענומען פופצן חדשים? — צוליב דעם כאַראַקטער פון דער טעמע. מיכל ליכט איז געווען פון די אנגענעמסטע מענטשן ביים פרינצלעכן טיש פון ליטעראַרישע שיחת־חולין; פון די ליבלעך־ליכטיקסטע געשטאַלטן אין זיין מגע־ומשא מיט אַ ליאַדע פרעמדן און, איבערהויפּט, פון די גאָר לייכטסטע „פּראָבלעמען" אין אָנגעגעניש ביים לעבן. ער איז, אָבער, שוין ווייט נישט אַזוי „לייכט" פאַר דער אויפגאַבע פון וועלכן־עס־איז־שרייבער היינט צו טאָג. ווייל צו שרייבן וועגן מיכל ליכטס אָרט אין דער אידישער וועלט־ליטעראַטור דאַרף מען כאָטש גרייכן ביז „שכמו", שוין ניט צו פאָדערן, ער זאָל גרייכן שאול המלכס הדיך.

און וועגן מיכל ליכטס משכמו־ומעלהדיקייט און פאַרוואָס די טעמע „ליכט" איז פאַר יעדן סאָרט שרייבער אַ ווייט־ניט־לייכטע אויפגאַבע איז כדאַי דאָ אויפצובויען עטלעכע פּאַראַגראַפן.

מיכל ליכט האָט, ווי יעדער גאון, באַזעסן צוויי גאָט־געשענקטע אייגנשאַפטן: תפיסה און זכרון — אַ גאָר עמפינדלעכע תפיסה און אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון. דאָס זיינען געווען געשאַנקען פון דער השגחה. צו דעם איז ער, ווי יעדער גאון, געווען איבערוועלטיקט מיט התמדה — מיט גרענעצלאָזער פלייס צו לערנען, צו שטודירן, צו דערגרונטעווען זיך צו אַן ענין ביז צום מינדסטן דעטאַל. האָט ער זיך

פאַראינטערעסירט מיט אַ שרייבער — האָט ער ניט נאָר איבערגעלייגנט אַלץ פון דעם שרייבערס שאַף־קאַמער, נאָר די גאַנצע ליטעראַטור אַרום דעם שרייבער. מכל שכן אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק, — מיט זיין נעמען לייגן קלאַפטער אין דעם צעכוואַליעטן ים פון דער ליטעראַטור גופא. און ווען מיכל ליכט האָט צום 14־יאָריקן עלטער געוואָגט צו שיקן זיין פּאָעמע אין רוסיש צו גראַף טאָלסטאָי, איז ער שוין דעמאָלט געווען בקיא אין דער רוסישער ליטעראַטור. אַזאַ היימישער אין די רייכקייטן און אינטימקייטן פון רוסישן לשון אַז ער האָט תלמוד געלערנט פון רוסישער איבערזעצונג. און דאָס האָט ער, אַלס עלוי, באַהערשט אין די אינגל־יאָרן. וואָס איז שוין צו ריידן מכוח זיין באַמייסטערווען בעל־פּה און בכתב סיי רוסיש, די שפּראַך, און סיי די גרויסע ליטעראַטור אירע אין זיינע בחורשע און מאַנסבילשע יאָרן? און דאָס נעמלעכע מיט ענגליש. ער איז נאָך ניט אַראָפּ פון שיף — רעדנדיק בלשון מליצה — אין 1913, נאָך גאָר אַ „גרינער", האָט ער שוין געצירקלט פון לינקס צו רעכטס, און ס'האָט גאָר־ניט־לאַנג גענומען און ער האָט גענומען שיקן און דרוקן ענגלישע לידער אין אַמעריקאַנישע עקסקלוסיווע ליטעראַטור־זשורנאַלן. און וואָלט ליכט, דער ווירטואָז, אויף זיך ניט געפילט דעם אינעווייניקסטן דרוק פון נאַציאָנאַלער אידישער שליחות, און וואָלט ער ניט מיט חדווה־טריט געגאַנגען זיך סאָלידאַריזירן מיט דער אידישער פאָלקס־שפּראַך—וואָלט ער זיך געקענט, אָן שוועריקייטן, דערווערבן בירגער־פּאַפּירן אין דער ענגלישער ליטעראַטור, וואָס וואָלטן אים געבראַכט ניט נאָר מער כבוד, ניט נאָר אַן אינטעליגענטע און אינטעלעקטועל־נייגעריקע סטודענטישע יוגנט, נאָר, אפשר, אויך אַ מער זיכערן שטול פאַרן מלחמת החיים.

און דאָס איז גאָר שייך, ווי אַ ביישפּיל, לגבי זיין היימישן אַריינטריט ווי אַ כהן גדול אין דעם היכל פון גרויסע ליטעראַטורן פון גרויסע פעלקער, ווי, אין דער ערשטער ריי, אין דער אידישער וועלט־ליטעראַטור, אין דער ענגלישער וועלט־ליטעראַטור און אין דער גרויס־רוסישער.

און וואָס איז מיט זיין שליטה אין דער מלוכה פון אַנדערע קונסטן? זיין נאָבעלע פרוי, די קינסטלערין עוועלין מאַרקאָן, דערציילט מיר, אַז מיכל ליכט האָט געשפּילט אויף אַלע (איר הערט — אַלע) מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, ניט נעמענדיק פון וועמען קיין איין לעקציע. ש. טענענבוים איז מוסיף, אַז ער האָט יאָ גענומען איין לעקציע, איין־איינציקע לעקציע פון אַ טשעלאָ־לערער, איז ער פון דער איינער לעקציע געוואָרן אַ מייסטער אויף דעם דע־פּראָפונדאָ־אינסטרומענט. זיין לערער איז געוואָרן אַזוי נשתומם פון ליכטס אויפשפּיל־אויפן אויף דער טשעלאָ, אַז ער האָט אים פאַראויסגעזאָגט גרויסקייט אַלס דיריגענט פון אַ וויכטיקן סימפאָנישן אָרקעסטער.

דער נעמלעכער ש. טענענבוים ברענגט אויך ליכטס בקיאות אין הלכה, ניט נאָר אין תלמודישער הלכה, נאָר אין אַלגעמיינער יוריספּרודענץ. ס'איז קיין ספק ניט אַז אין ליכטן איז ניט נאָר פאַרלאָרן געגאַנגען אַ חריפותדיקער ריכטער, נאָר אויך אַן איש תמימדיקער שופט.

און אַזוי האָט דער ערודיט ליכט דורכגעאַקערט וואו־נאָר אַ פעלד כמעט פון מענטשלעכן דענקען, און איז פון די אַלץ נייערע און נייערע אומעטומיקע געביטן אַרויס בשלום און באַרייכערט מיט אַלץ גרעסערע אָנהויפונגען פון ענציקלאָפּעדישן וויסן.

ד

אין די פינף יאָר וואָס מיכל ליכט האָט מיט מיר מיטגעאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון מיין זשורנאַל „אונזער בוך" און אַלס געשעפט־פאַרוואַלטער פון מיין „פאַרלאַג אידיש לעבן" פלעגט ער מיר טאָג־איין־טאָג איבערראַשן מיט זיינע חידושים, — חידושים וואָס זיינען ביי אים געווען געוויינלעכקייטן, זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן. די מערסטע חידושים זיינען געווען גאונישע בליצן בעל־פּה; אייניקע — שבכתב. אידן, צ. ב., קענען און וועלן געדענקען לאָרד באַלפורן ווי אַ שטאַטסמאַן, וועלכער האָט, אין שאַרפן דעטור, אַ קירעווע געטאָן די אידישע געשיכטע, אין געאָמעטריש־פּראָגרעסיווער התקרבות און דערווערבונג צו אידישער שטאַטלעכקייט. אַלס אַזאַ, אַלס איינער פון די חסידי אומות העולם, וועט ער בלייבן אין אונזער נאַציאָנאַלן זכרון. נאָר ווי האָט אים מיכל ליכט געזען? — אַלס עסייאיסט, ליטעראַטור־חקרן און פילאָזאָף. און אַלס אַזאַ האָט ער אים פאָרגעשטעלט פאַר דער דיסקרימינירנדיקער אַדיטאָריע לייענער פון „אונזער בוך", דורך איבערזעצן איינע פון באַלפורס עסייען וועגן אַ ליטעראַרישן ענין.

און אָט איז, צ. ב., אַן אַנדער חידושימדיקער אויפטו פון דעם אומדערמידלעכן אינאָוואַטאָר: זיינע איבערזעצונגען פון דער מאָדערנער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, איבערזעצונגען פון די כאַראַקטעריסטישע מוסטערן פון די מאָדערנע אַמעריקאַנער פּאָעטן, וועמעס ווערק טראָגן אין זיך די סימנים מובהקים פון אייביקייט־ווערטן. די דאָזיקע איבערזעצונגען האָבן זיך געדרוקט אין מיין צווייטן זשורנאַל, אין „אונזער בוך" אין די יאָרן 1927, 1928 און 1929. אַ אידישער לייענער, וועלכער האָט טיכטיק דורכגעשטודירט אָט־די מוסטערן אין דער אויטאָריטאַטיווער איבערזעצונג פון מיכל ליכט האָט שוין געהאַט מער ווי אַ געוויינלעכן באַגריף פון די אַמעריקאַנער גבורי השירה. איצט, הער איך, — צו מיין גרויסער צופרידנקייט — איז אין אַרגענטינע דערשינען, אין בוך־פאָרם, אַ באַנד פון אָט־די איבערזעצטע ענגלישע לידער — איבערזעצט פון דעם אומפאַרגלייכלעכן און ביים לעבן ניט־פאַרשטאַנענעם און לידער־און־לידער ניט־אָפּגעשאַצטן מאַעסטראָ מיכל ליכט.

אין יעדן צוטראַגערישן אויפטו זיינעם איז ער געגאַנגען, נאַטירלעכערווייז, אויף דער ליניע פון שווערסטן ווידערשטאַנד. אָט, צ. ב., זיין איבערזעצונג פון „יורגען", פון דזשיימס ברענטש קעבל — אַן אַמעריקאַנער פּראָזאַאיקער, וועלכער איז ניט נאָר דער גרעסטער פּראָזע־מייסטער פון דער איצטיקער גענעראַציע, נאָר דער אויסשמידער פון אַ העכסט־קאָמפּליצירטן סטיל. נאָר אַ גיגאַנט ווי מיכל ליכט האָט זיך געקענט אַנטוואָגן אונטערצונעמען אַזאַ געפּעכט.

אָט־דאָס וואָס איך האָב דאָ מרמז־געווען איז נאָר צו ווייזן מיט וואָס פאַר אַ באַגאַזש מיכל ליכט איז צוגעטראָטן צו זיין הויפּט־שליחות — צו זיינע כתבי אידיש. נאָר וועגן דעם, בין איך מודה, בין איך אַפילו איצט ניט גרייט, ווייל צו שרייבן אַ קריטישע אַרבעט וועגן מיכל ליכטס דרך אין דער אידישער ליטעראַטור, מוז מען דאָך פאָרזיכטיק כאָטש נאָך אַמאָל דורכלייענען אַלע זיינע ביכער און אַלע זיינע כתבים, וואָס דאָס דערלויבט מיר פשוט ניט מיין צייט־בודזשעט. והשנית, דאַרף מען קענען קאָנטראָלירן די אַלע מאַטעריאַלן וועלכע ליכט האָט באַמייסטערט סיי אין זיינע אָריגינאַלן און סיי אין זיינע איבערזעצונגען. דריטנס, דאַרף מען אויך באַזיצן זיין אַל־געביטיקן ענציקלאָפּעדישן וויסן, וואָס דאָס איז פאַר די כוחות פון איין מענטשן און פאַר דעם לעבן פון איין מענטשן כמעט אַן אוממעגלעכקייט. אַ פולע אַרבעט איבער מיכל ליכטן וועט נאָך, בכן, מוזן וואַרטן אויף דעם כמו־ליכטישן גאון, וועלכער וועט, האָפנטלעך, אין גאַנג פון די טעג און פון די יאָרן, אַרויסשפּראָצן פון דעם אידישן תחום, און וועט זיך אויף זיינע אייגנאַרטיק־געדרייטע וועגן אָנגעגענען מיט די טרעפלעכע און אַזוי אָפענע ווערק פון אַן אַמאָל־פאַרשריגענעם און אומפאַרשטענדלעכן „פּלוידערער" און „גראַפאָמאַן", — ווי ש. ניגער, אין זיין טעמפּקייט, האָט געוואָגט צו באַצייכענען מיכל ליכטן אין „טאָג", אין 1926.

ה

ביז, אָבער, דעם אָנקום פון דעם באַרופענעם קריטיקער זיינעם וועט, דערווייל, בין איך כמעט זיכער אין דעם, וואַקסן אַ ליטעראַטור פון מפרשים און פשטנים פון מיכל ליכט. פּאַראַלעל מיט די קאָנווענציאָנעלע פאַרלוימדער פון ליכטס איבערשרעקנדיקע נייאיקייטן, זיינען אויך געקומען זיינע פאַרטיידיקער. איינער פון זיינע ערשטע און ערנסטע מפרשים איז געווען נ. ב. מינקאָוו. אין מיין צווייטן יאָרגאַנג „אונזער בוך" — אין יאָר 1927 — האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן עסיי איבער מיכל ליכט, א. נ. „סיסטעם און רעלאַטיווקייט אין פּאָעזיע". איין פּאַראַגראַף איז כדאַי דאָ צו ברענגען, כאָטש ציניקער וועלן, מיט אומרעכט, טענהן אַז ערשט אויף דעם פירוש־אויסצוג דאַרף קומען אַ פירוש. עס קומט, אָבער, מינקאָוון קרעדיט פאַר זיין מן הראשונים, פון די ערשטע, זיך אָנצונעמען פאַר אַ קאָלעגע־דיכטער, וועלכער האָט צעפּודעט די ליטעראַרישע גענז.

אין אַן אַרבעט פון פופצן „אונזער בוך"־זייטן האָט זיך מיטצייטלער אַריינגעלייגט ניט ווייניק מי, אַריינדרינגענדיק אין דעם עצם

פון ליכטס שאַפן, ווי עס זאָגט עדות דער איינער ציטירטער פּאַראַגראַף:

„דער טאָן פון ליכטס פּאָעזיע איז אַ סענטימענטאַלער, און זיין אויסדרוק אַן עמאָציאָנעלער—דאָס איז זיך ניט סותר מיט זיין ניכטערקייט, וואָס קאָנטראָלירט זיי. זיין אַרבעט באַווייזט אַז צוזאַמען מיט סובטילער שיינקייט, טרוימען און געפילפולקייט מוזן צוליב זייער קלאָרקייט און ריינקייט מיטפאָרן שכלדיקייט און וויסנשאַפטלעכער זין, וואָס ברענגען אינטעלעקטועלן געניוס מער ווי עמאָציאָנעלן, ווי אַ העלפט פון צעבראָכענעם טאַליסמאַן, וואָס איז נאָך גרויסע מאַטערנישן און אַנטוישונגען געפונען און צוגעפאַסט געוואָרן צו דער צווייטער העלפט. פאַראורזאַכט אינטעלעקטועלן געניוס דורך דער לאָגישער צוזאַמענהעפטונג פון די ניט־גלייכע ברוך־זיגזאַגן, אָדער ווי אַ שווער רעטעניש ווערט פאַנאַנדערגעפאַלדעוועט און לייגט זיך זיניק און לייכט אויפן אָנגעשטרענגטן שכל — אַזוי איז דער געניוס פון ליכטס אַרבעט אונטער וועלכער עס שטראָמען עמאָציאָנעלע זעערישקייט און סענטימענטאַלע וויזיע. זיין וויזיע ווי זיין עמאָציע שווימט ניט אויף דער אויבערפלאַך און זי ווערט מער געאַנט נאָכדעם ווי מען ווערט קלאָר אין דער רייכקייט פון זיינע זעערישע קוואַליטעטן, ווייל ליכט איז מער זעער ווי וויזיאָנער, מער קריטיקער ווי טרוימער. דערפאַר ווערט בון אים רעלאַטיוו, קלאָר און אָביעקטיוו דערזען דאָס לעבן, וואָס איז די אומפאַרשטענדלעכע, גרויזאַמע צונויפפירונג און פאַנאַנדערהאַפטונג פון (קעגן אונזער ווילן) רעטונגס־וואונטשן און ברוטאַלע רעאַליטעטן, וועלכע האַלטן אונז אין געדאַנק־און־זעל־אומציכטיקייטן. כאָטש די ניכטערקייט און דאָס דורכדרינגלעכע קריטישע זעען דערפירן ליכטן צו סקעפּטיציזם און איראָניע, ווערט ער אַלץ מער קאָנסטרוקטיוו און ברענגט זיך אַלץ פּינקטלעכער אַרויס. די ניכטערקייט און דער סקעפּטיציזם, ווי די סענטימענטאַלקייט און דער אינטעלעקט, זיינען זיך דאָ אויך ניט סותר ביי ליכטן. ווייל אויף ריינעם אינטעלעקט און וויסן מאָדולירן זיך סענטימענטן און עמאָציעס. ד. ה., אויף ריינער קלאָרער ניכטערקייט און אָביעקטיוון אַנאַליז פון לעבן בויען זיך חלומות פון טרוימער, וואָס לייזן אויס איראָניע מיט גוטמוטיקן מיטגעפיל און הילפלאָזיקייט מיט צערבעראַלן כוח. „נאָר דורך אָפּהיטן דעם גלויבן אין מענטשלעכע חלומות וועלן מיר אפשר קאָנען נאָך אַמאָל, ווען־ניט־איז זיי פאַרווירקלעכן" (דזש. ב. קעבל). די איינציקע זאַך וואָס היט אָפּ „דעם גלויבן אין חלומות" איז דאָס עסטעטישע וואָס ברענגט אַריין העכערע מאָמענטן פון זין — די דערפאַרונג וואָס געבערט געטער אין דער איינזאַמקייט, אין געפאַרן און אויף עשאַפאָטן".

ו

דער גרעסטער אָנשפאַר פאַר ליכטן איז אָבער געווען זיין אייגענע פעדער, וועלכן ברייטסטן אויסדרוק־מעגלעכקייט זי האָט געקראָגן, ווי געזאָגט, אין „אונזער בוך" אין די פינף יאָר, זינט אָנהייב 1926 און ביזן סוף פון 1930 — אין ברען פון דעפּרעסיע, ווען איך האָב געמוזט אָפּשטעלן דעם זשורנאַל. ליכט האָט פאַר די טעג פון „אונזער בוך" אויך געדרוקט זיינע לידער און קריטישע שטודיעס אין „פעדער", אין „אינזיך" און אין אַנדערע זשורנאַלן. יענע אויסגאַבן האָבן, אָבער, פאַר דעם סאָלידן ליטעראַרישן רעקאָנסטרוקציאָניזם ניט געהאַט די שטאַנדהאַפטיקייט, די פּינקטלעכע דערשיינונג און דעם ברייטן פאַרנעם. דער „אונזער בוך" האָט געקענט זיך פאַרמעסטן מיט יעדן בכבודיקן ענגלישן זשורנאַל אין אַמעריקע, אַפילו מיטן „דייעל", וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט, דאַכט זיך, אין 1927. און בעת די אויבנדערמאָנטע זשורנאַלן האָבן געהאַט, קען מען זאָגן, אַ הויף־און הויפן־צירקולאַציע, אַ לייענער שטח וואָס האָט נישט „געדעקט" ווייטער ווי די קיבעצאַרניע מיט די עטלעכע הונדערט פאַראינטערעסירטע האָב איך אַרויסגעפירט מיין צווייטן זשורנאַל אויפן ברייטן טראַקט: אַ זשורנאַל מיט אַ דורכשניט־נומער פון 70 זייטן, טויזנטער לייענער, פּינקטלעכע דערשיינונג, גוטע פּאַפּיר, דורכגעזיפּטער מאַטעריאַל און אַפילו אַ פאַרזוך געמאַכט פון צאָלן האָנאָראַר, לכל הפּחות, דעם ערשטן יאָר.

אין „אונזער בוך" האָבן געקראָגן פולן אויסדרוק אויך אַנדערע מאָדערניסטן. הערמאַן גאָלד מיט זיינע מעשהלעך, באַלאַדן, טשיקאַווע קריטיק־סעריעס און מיט זיין קנעלן מיט אידן די „אידישע פּאַרמאַלאָגיע". יעקב גלאַטשטיין—מיט זיינע דזשאָיסיאַדעס. נ. ב. מינקאָוו — מיט לידער און עסייען. יעקב סטאָדאָלסקי — מיט זיינע טראָציקע „ווערטער פון אַ ווידערשפּעניקער". אהרן קורץ — מיט זיינע פּלאַקאַטישע לידער און פּאָלעמישע עסייען. א. לוצקי — מיט זיינע לוצקיאַדעס. שין לעוו — מיט זיינע נעאָ־מאַלערישע פּערזן. און נאָך, און נאָך שרייבער אין די צענדליקער. אָבער מיכל ליכט האָט זיך דאָ מער אָנגעזען, זיין ליטעראַרישער פּנים — בולטער ווי פון אַנדערע. זיין עכטקייט פון אינאָוואַטאָרישן אויסדרוק איז געווען איבערצייגנדיק — אַפילו פאַר די וועלכע זיינען אינטעלעקטועל ניט געווען צוגעגרייט פאַר אים.

זישע לאַנדויס אַ ווערטל־מעשהלע איז אין יענע טעג געווען פּאָפּולער אין קאַפע „אייראָפּע". ער פלעגט דערציילן: ווען איך קריג אַ נייעם נומער „אונזער בוך", ציי איך זיך אויס אויף דער סאָפע, און כאַפּ זיך לייענען, צום ערשטן, פאַרשטייט זיך, מיכל ליכט. אמת, איך פאַרשטיי גאָר ניט, ס'איז דאָך אָבער זייער גוט!..

אויך די אַזוי־גערופענע גאַנצע און האַלבע אַרונטעררייסער, ווי מ. אָלגין, דוד בערגעלסאָן, ב. צ. גאָלדבערג, דר. י. שאַצקי, קלמן מרמר און דער אויבנדערמאָנטער ש. ניגער האָבן זייערע פיילן, מערסטנס, געצילט אין ליכטן. ווייל ניט נאָר האָט מיכל ליכטס אייגענע שרייבערישע עקזיסטענץ זיי אַלעמען אומגעוואָרפן, נאָר ער האָט נאָך מיטגענומען געהילפן: סיי אין דער פּאָעזיע, סיי אין דער פּראָזע. קעגן דער קליאָטשע פון די אַזוי־גערופענע און אַזוי־זיך־ערנסט־נעמענדיקע קריטיקער האָט ער אַרויסגעשטעלט — דורך זיינע איבערזעצונגען — לאָרד באַלפור; גערטרוד סטיין; ט. ס. עליאָט; פּ. ב. שעלי, א. אַ. אין דער פּראָזע און וואָלטער קאָנראַד ארענסבערג, וויליאַם קאַרלאָס וויליאַמס, מינאַ לאָי, מאַריאַן מור, קאַרל סאַנדבורג, וואַלאַס סטיווענס, איזרא פּאונד, ט. ס. עליאָט, דזשאַן גולד פלעטשער, מאַלקאָלם קאָולעי, גלעדיס קראָמוועל, ע. ע. קאָמינגס, האַרט קריין, אַלפרעד קרעימבאָרג, קלאַראַ שאַנאָפעלט, וואָלט וויטמאַן, א. אַ. — אין דער פּאָעזיע.

צו דעם זיינען צוגעקומען די פילע עלטערע און אינגערע אידישע שרייבער, אין די צענדליקער, וועמעס עגאָ איז געצערטלט געוואָרן פון דעם פיין־געפיל צו הויזן אין שכנות מיט בונטאַרן, וועלכע קומען באַגאַרטלט ניט נאָר מיט טאַלענט — ווי זיי האָבן עס גערופן — נאָר אויך מיט קולטור.

אין די פינף יאָר „אונזער בוך" ליגט, דעריבער, דער לייבן־טייל פון מיכל ליכטס שאַפן און עס איז אין דעם פּעריאָד וואָס זיין השפּעה אויף די שרייבער פון זיין דור איז געווען אַם פילבאַרסטן.

חוץ זיין סעקרעטאַרישע און אינטימע פאַרבינדונג מיטן „אונזער בוך", איז ער אויך געווען, ווי געזאָגט, פאַרוואַלטער פון מיין „פאַרלאַג אידיש לעבן". אים האָט אימפּאָנירט מיין פאַרמעסט צו גרונטיקן און אויפטורעמען אַ פאַרלאַג ככל הגוים. און כאָטש איך האָב אָנגעהויבן די טעטיקייט פון דעם „פאַרלאַג אידיש לעבן" אָן איין (1) דאָלער ממש, און כ'האָב ביים ערשטן בוך געדאַרפט לייען געלט און קריגן קרעדיטן, און אַזוי אויך ביים צענטן בוך, און ביים פופצנטן, איז דאָך געמאַכט געוואָרן, מיט ליכטס הילף, מיט זיין סיסטעמאַטיזירנדיקער טוערייַ, אַ גראַנדיעזע התחלה פון אַ פאַרלאַג, מיט האָנאָראַר, מיט אַ פאַרשפּרייט־סיסטעם פון די אייגן־אַרויסגעגעבענע ביכער און מיט אַן אַלגעמיינער אַגענטור ביים פאַרלאַג צו פאַרשפּרייטן און פאַרקויפן אַלע אידישע ביכער, אויף רעדוצירטע פּרייזן, און אויך ניט־אידישע.

האָבנדיק אַזאַ לאָיאַלן און קאָמפּעטענטן מיטאַרבעטער, פלעג איך אָפּט דורכשניידן דאָס לאַנד אַמעריקע, לארכה ולרחבה, אין ווערביר פון אַלץ נייערע און נייערע אַבאָנענטן פון „אונזער בוך" און אין פאַרשפּרייט פון טויזנטער אידישע ביכער פון מיין אייגענעם פאַרלאַג און פון אַנדערע פאַרלאַגן.

ס'איז געווען די פּעריאָדע פון לויטערן אידעאַליזם. מיינע פינף לעצטע בחורשע יאָרן האָב איך איינגעשפּאַנט אין אַ העראָאישן אָנשטרענג צו פאַרפעסטיקן אַ זשורנאַל און צו פאַרגרונטיקן אַ פאַרלאַג. ביי אַ דויי־פיר צענדליק ביכער זיינען שוין געווען דערשינען. 17־18 שעה איז געווען מיין מינימום דורכבערכערישע טעטיקייט פאַר דעם

מאַקסימום־לוין פון 4 דאָלער אַ וואָך, וואָס דאָס איז פאַר מיר דעמאָלט געווען די והותר, בעת די 18־דאָלערדיקע שכירות פון מיין טרייען סעקרעטאַר פלעג איך אָפּהיטן כאישון בת עין.

נאָר די גרעסטע דעפּרעסיע אין אַמעריקע האָט אומגעוואָרפן אויך מיינע בנינים, און — אויף אַ ווײַלע אַ סוף געמאַכט צו מיינע קולטור־חלומות לטובת דעם געזונט פון מיין פאָלק.

ז

מיטן צייטווייליקן אָפּשטעל פון מיין טעטיקייט און מיט מיכל ליכטס אַריינטרעטן אַרבעטן אין געשעפט־אָפּטייל פון „טאָג“ האָב איך מיין פאַרבינדונג מיט אים — די פיזישע און די מעטאַפיזישע — קיינמאָל ניט איבערגעריסן.

אין 1831 — צו זיין פּינקטלעך: דעם 30טן סעפּטעמבער 1931, ד.ה., מיט פולע 23 יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען, אין מיין דעמאָלטיקן וואָכנבלאַט „אונזער פאָלק“, צו רעצענזירן ל. שאַפּיראָס בוך „נויאָרקיש“. האָב איך די רעצענזיע באַטיטלט: פון מענדעלי מוכר ספרים ביז צו מיכל ליכט“. יענע רעצענזיע האָב איך אַזוי פאַרענדיקט: „מיט „ניויאָרקיש“, אַ ביכל, וועמעס אויסערלעכקייט צייכנט זיך אויך אויס מיט צוגעטראַכטער איינפאַכקייט, האָט ל. שאַפּיראָ ווידער באַשטעטיקט, אַז פון די עטוואָס־עלטערע שרייבער איז ער דער לייבלעכסטער יורש פון דער מענדעלישער טראַדיציע, ווייל קיינער נאָך ווי ער האָט אַזוי ניט אָפּגעהיט דעם „זיידנס“ צוואה פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּראָזע, פאַרן זאַץ. איצט, דאַרף זיך נאָך ל. שאַפּיראָ דערנענטערן צו אַן אַנדערן מענדעלי־יורש, צו אַ אינגערן, און אפשר נאָך צו אַ מער־לייבלעכן קרוב, צו איינעם, וואָס גייט, אפשר, ניט בלויז „אויף די הענט“, נאָר אויך אויפן קאָפּ, צו דעם זייער נאָענטן און פרעמדלעך־וויטן — צו דעם מענדעלי־פּרעטענדענט, מיכל ליכט“.

⁂

אין דעם דאָזיקן פאַראַגראַף, דאַכט מיר, ליגט דער שליסל צו ליכטס שרייבערישן דרך אין דער ליטעראַטור און אין די קונסטן.

ווייל פּונקט ווי מענדעלי האָט געעצהט שלום עליכמען צו שלייפן און ווידער שלייפן זיין וואָרט, און פּונקט ווי מענדעלי אַליין איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו רעווידירן די נייע אויפלאַגעס פון זיינע ווערק, אַזוי האָט מיכל ליכט באַוואוסטזיניק גענומען ממשיך זיין אַט־די מענדעלישע טראַדיציע אין דער אידישער ליטעראַטור. נאָר דאָס, ווי געזאָגט, איז שוין אַ טעמע פאַר אַן אַנדער אַרבעט, פאַר אַנדערע מענטשן, און — פאַר לעתיד לבוא.

ח

אין די פילע יאָרן פון אונזער קענטשאַפט האָב איך אין ליכטן באַוואונדערט ניט נאָר זיינע עסטעטישע ווערטן, נאָר אויך זיינע עטישע קרעדאָס. און זיינע קרעדאָס זיינען געווען טאַקע, קודם־כל, פאַר זיך אַליין. ווען ער פלעגט אַ דריטל פון זיינע שכירות, וואָך־אין־וואָך, מיט כבוד צוטראָגן זיין טאַטן, האָט ער פאַר אַלע זין וואָס אונטער דער זון אילוסטרירט דעם טייטש פון כיבוד אָב. און אַזוי זיין מוסטערהאַפטער באַנעם מיט זיין נאָבעלער פרוי. און אַזוי זיין אַריסטאָקראַטישער אומגיי מיט חברים.

ווען ער האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט אין „טאָג“ און האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזן אַריינשטרויכלען מיט אַ וועלכן עס איז שרייבערישן אָנבאָט, וואָס פלעגט אים אָפּט, מיט כבוד, אונטערגעטראָגן ווערן, און פלעגט, אַנשטאָט דעם זיין אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט מיינע שרייבערישע פּראָיעקטן און טעטיקייטן — האָט ער מיט דעם קלאָר דעמאָנסטרירט זיין באַנעם פון „ובקהלם אַל תחד כבודי“. ווען ס׳פלעגט נאָר אַראָפּקומען אין אַמעריקע אַ ניט־אידישער ליטעראַרישער גדול, און די „טאָג“־רעדאַקטאָרן האָט געמאַניעט צו האָבן ביי זיך אין צייטונג אַן אויטענטישע אַרבעט, וואָס דאָס פלעגט ליכט קענען צושטעלן, פלעגט ער, אָן שום איבערלייג, מיט דער פּרינצלעכסטער העפלעכקייט, עס צוריקווייזן.

ס׳האָט אָבער, גאָר ניט לאַנג גענומען דעם דזשיימס־דזשאָיס אונזערן, צ. ב., זיך אַריינהיימישן אין דער טעגלעכער פּרעסע. און אַזוי אויך ניט איינעם פון די אַנדערע פּרעטענדענטן אויף מאָדערניזם.

נאָר ווען אין גאַנג פון די טעג און פון די יאָרן, ווען פון די פּסעוודאָ־מאָדערניסטן וועט שוין באַלד קיין זכר ניט בלייבן, וועט מען זיך ערשט נעמען אומקוקן אויף דעם עכטן מאָדערניסט, וועלכער איז גאָר קיין מאָדערניסט ניט געווען, האָט צו קיין שום שולע ניט געהערט, נאָר האָט געוואָלט מיט אַחריות פון וואָרט און מיט קלאָרקייט אינם קאָפּ זיך שפּילן אידישלעך, מיט די פּראָבלעמען פון היינט און פון אייביק. מען וועט זיך דעמאָלט אומקוקן — מען וועט זיך ערשט נעמען אומקוקן, — אויף מיכל ליכט.

ט

אַ גוטן מוסטער פון דעם ווי אַזוי מען וועט זיך אַ מאָל — גייסטיק דערוואַכטע און אינטעלעקטועל אויסגעהונגערטע — צוכאַפּן צו מיכל ליכטס ווערק האָב איך מיט אַן ערך פון זעקס יאָר צוריק דערזען אין איינעם פון אונזערע אינגערע שריפטשטעלער. ער איז געקומען אין אַמעריקע שוין נאָך אַלע ליטעראַרישע געפעכטן, און ער איז, בכלל, אין זיין סאַמע עצם שאַפן ווייט פון די צוגעשפּיצטע קאַמפן פון די געקינסטלטע אַזוי־גערופענע שולעס. אמת, אין די „וואָכנבלאַט“־קרייזן פלעגט מען ניט־זעלטן ריידן וועגן ליכטן און דעם ליכטיזם אין פּאָזיטיווע טערמינען, און ער, דער יונגער שרייבער, און האָדעוואַניק — קען מען זאָגן — פון „וואָכנבלאַט“ פלעגט עס איינזאַפּן אין זיינע וואַכזאַמע אויערן. און דאָך איז זיין אַרבעט וועגן ליכטן אין 1948 געווען פאַר מיר אַן אָנגענעמער סורפּריז. גיי ווייס, אַז ש. טענענבוים וועט אַ בעלן זיין מיטשפּאַצירן מיט ליכטס „פּראָצעסיעס“... נאָר אָט זיינען אייניקע פאַראַגראַפן פון טענענבוימס מעדיטאַציע וועגן דעם פענאָמען ליכט, אינם 9טן אַפּריל־נומער „וואָכנבלאַט“ פון יאָר 1948:

„מען האָט ביים טישל גערעדט וועגן מיכל ליכטס פּאָעזיע. איינער האָט געוואָרפן דאָס גוט־באַקאַנטע וואָרט: „מען פאַרשטייט נישט זיין פּאָעזיע“. הייסע רעפּליקעס זיינען געפאַלן. קאָלעגן האָבן אים פאַרטיידיקט, ניט ווי מען פאַרטיידיקט אַ מיטלמעסיקייט, נאָר אַ גרויסן דיכטער. קאָלעגע יצחק ליבמאַן האָט געזאָגט: אָבער וועגן מיכל ליכט קען מען זיך נאָר אויסדריקן אין גרויסע טערמינען: איינער רייסט אים אַרונטער אַלס גרויסן „פלאָפּ“. אַ צווייטער רימט אים אַלס גרויסן פּאָעט. יעדנפאַלס — גרויס.

„וואָס אַן אמת, איך האָב זיך כמעט גאָרנישט אָנגערופן, אויסער וואָס איך האָב געוואָרפן דעם עפּיטעט „אַריסטאָקראַט“. אַז מיכל ליכט איז אַ נאָבלמאַן פון ריינסטן בלוט. איך בין בכלל ניט גענייגט צו דיסקוסיע. שוין צען טויזנט יאָר ווי די דורות דיסקוטירן, און דער מענטש האָט זיך ווייניקעס אויסגעלערנט. פאַרן אמת איז פּושקין אָדער טראָצקי געשטאָרבן מיט פּונקט אַזאַ טראַגישן טויט ווי זכריה הנביא אָדער סאָקראַטעס. פאַר פרייהייט פון געדאַנק דאַרף מען אין אונזערע צייטן פּונקט אַזוי קרעפטיק קעמפן ווי ס׳האָבן אין זייער צייט געקעמפט פאַר טאָלעראַנץ מענער ווי שפּינאָזאַ, עראַזמוס און זשאַן זשאַק רוסאָ.

„און וואָס שייך דער שיינקייט און טיפקייט פון געדאַנק, האָט ער גאָרנישט פּראָגרעסירט. דער מענטשלעך־געניאַלער מוח איז געווען פּונקט אַזוי אַנטוויקלט ביי קעניג קהלת, ישעיהו, פּלאַטאָ און אַריסטאָטעל ווי ביי אַלבערט איינשטיין און בערנאַרד שאָו. עס איז אויך ניט נויטיק אויפצואווייזן אַז אין הינזיכט פון שיינעם און פלאַמענדיקן וואָרט זיינען די נביאים געווען גרעסערע מייסטער ווי די פּאָעטן פון אונזער צייט. די מאָלערס פון רענעסאַנס קענען היפּש קאָנקורירן אין דער קוואַליטעט פון זייערע פאַרבן און אין דער הערלאַשקייט פון זייערע געשטאַלטן מיט די בעסטע קינסטלער פון אונזער צייט.

„דיסקוסיע איז דעריבער אַן אומנייטיקע זאַך. נאָר ווער איז אַזאַ איבערמענטש וואָס קען זיך פריי אָפּזאָגן פון דעם גיפט אין פיבער און צאָרן פון דיסקוסיע?

„דאָס וואָס מענטשן פאַרשטייען נישט אַליין, איז אוממעגלעך זיי צו געבן צו פאַרשטיין. אין יעדער דור לעבן די איינזאַמע פּרינצן פון גייסט — וואָס הגם ניט קיין סנאָבן, האַלטן זיי זיך אָבער היפּש אָפּגעזונדערט פון המון. די דאָזיקע גייסטיקע פּרינצן פאַרשטייען זיך גלענצנד מיט חכמים פון ווייטע לענדער, הגם מיט די געשעצטע בירגער פון זייער פאָטערלאַנד לעבן זיי ניט בשלום. זיי שטייען אין אַ מער האַרמאָנישן קאָנטאַקט מיט די דענקער וואָס האָבן געלעבט מיט יאָרטויזנטער צוריק, ווי מיט די מענטשן פון זייער אייגענעם דור. עס איז פאַ־

ראָן אַן אַריסטאָקראַטיע פון גייסט, וואָס וואָרצלט אין די טיפע יאָר־טויזנטער פון דער מענטשלעכער געשיכטע און האָט זיינע ערשטע מיט־גלידער צווישן יענע גייסטיקע פרינצן וואָס האָבן געדענקט הויך און נאָבל אין אַ צייט ווען די ערד איז נאָך געווען ווייט פון קולטור און ציוויליזאַציע. דער געניוס וואָס דענקט טיף און פילט שיין, געהערט צו אַ קאַסטע וואָס איז אומאָפּהענגיק פון צייט און אָרט.

„וואָס איז דאָ צו פאַרטיידיקן מיכל ליכטן? וואָס טויג מיר דאָס פאַרשטייק פון אַ סך פּאָעטן, ווען זיי האָבן מיקראָסקאָפּישע געדאַנקען? די מערסטע דיכטער שרייבן קלאָר. נו, זיינען זיי דערפאַר פון אַ העכערער קוואַליטעט? די פּאָעטן וואָס איך פאַרשטיי, געפעלן מיר ווייניקער ווי די פּאָעטן וואָס איך פאַרשטיי נישט. עס איז דאָס אומבאַוואוסטע וואָס האַלט דעם קינסטלער און דעם אינטעליגענט געשפּאַנט. קונסט איז נישט דער גרויסער טאָג. נאָר די אידעאַלע שטימונג פון דעמערונג. די מיסטעריע פון דער נאַכט. עס איז אין דער טיפער וואַלפּורגיס־פינצטערניש אין וועלכער דער אמתער קינסטלער שפּאַנט אין זוכט דעם זין פון זיין עקזיסטענץ. עס איז דאָס קוים־מערקלעכע באַגינען־ליכט, וואָס שפּרייט זיך ווי בלייכע פלעקן פון אַ מאָלעריי, אין דעם עכטן און איידעלן ליד פון אַ פּאָעט. עס איז די טונקלקייט וואָס הערשט אין דער וועלט־פּאָעזיע. די טיפע מרה־שחורה. די איינזאַמקייט און די פינצטערניש פון דער נשמה. עס איז דאָס וואַנדלען דורך וואָלקן און וויזיע, דאָס קינדערשע שטאַמלען און דאָס נביאישע אַנען פון דער שיינקייט און דעם זין און דאָס געטלעכע. פּאָעזיע איז דאָס ליד פון דער אורמאַסע, פון דער נעבולאָ, פון דעם קאָסמישן קראַנץ פון אומגעהייערע כוחות, פון דעם שטורעם פון די אור־עלע־מענטן.

„און, מיין ליבער פריינט, איך בעט אייך, פאַרשטייט איר מוזיק? און בעטהאָווען, וואַגנער, גלוקן — פאַרשטייט איר? איז עס ניט די מיסטעריע וואָס נעמט אייך אַרום פאַר אַ גרויסן ווערק? איז עס ניט דאָס אַריינקוקן אין אַ גרויסן טיפן און אימהדיקן וואַלד? איז עס ניט דאָס שרעקן זיך פאַר דעם אָפּגרונט פון אַ ים, אין וועלכן עס שלאָפן גיגאַנטישע בערג און טאָלן? איז עס ניט די אימה ווען פינצטערע וואָלקנס שצירן מיט בלוטיקע ציין ערב שטורעם? איז עס ניט דער פחד פאַרן אומגעהייערן, שוואַרצן וואָלקן וועלכער פאַרציט די לעצטע פלאַמען פון זון־אונטערגאַנג? איז עס ניט דאָס באַרירן דאָס אור־האָפּטע, דאָס קאָסמישע?

„פאַרשטיין קען מען לייכט אַן אידיאָט. גאָט און דעם געניוס דאַרף מען זיך אָנשטרענגען צו פאַרשטיין. אין טויזנט שלייערן פון נעפּלען זיינען פאַרהילט זיינע געדאַנקען. ווי פּשוט איז דער תנ״ך. דאָך קומען מענטשן פון אָנגעצונדענע זעלן און זיי פאַרשטייען אים טיפער. שענער. דערהויבענער. אַ געוויינלעכער מענטש וועט שטיין פאַר אַ פּאַנאָראַמע און ער וועט בלויז באַוואונדערן די שיינקייט. צו אַ רעליגיעזע, עקזאַלטירטע נאַטור וועט די לאַנדשאַפט אַנצינדן דאָס פּנים פון גאָט. צו אַ פּאָעט וועט די לאַנדשאַפט זיין אַ גרויסע פּאָעמע. צום רעזשיסאָר — אַ בינע, וואו געטער וועלן באַלד אַרויפגיין שפּילן אַ גראַנד־ספּעקטאַקל. צום מאָלער שטראָמען און וויברירן קאָלירן אין אַ דינאַמישן טאַנץ. צום וויסנשאַפטסמאַן וועט עס זיין אַ וואונדערלעכע כעמישע קאָמבינאַציע פון אַטאָמען וואָס בילדן לויט זייער קוואַליטעט און קוואַנטיטעט — פאַרבן, טענער, ליניעס און פאָרמען. צו פאַרשטיין העגנט אייך אָפּ פונם כאַראַקטער וואָס וויל פאַרשטיין. אַ גאון וועט אין אַ קינד זען אַ גאָט. אַ מיטלמעסיקייט וועט אין אַ גאָט זען אַ קינד.

„דיכטונג געהערט צו די גרויסע מיסטעריעס פון מוזיק, מאָלעריי, סקולפּטור און באַלעט. די אויפגאַבע צו רעדוצירן צום בלויזן פאַרשטיין — מיינט דעגראַדירן. אַפילו אין דער פילאָסאָפיע, די העכסטע מאַניפעסטאַציע פון געדאַנק, ווייסט מען זייער גוט אַז מען קען מיט אינטואיציע טיפער באַנעמען גאָט ווי מיטן אינטעלעקט. פאַרוואָס זאָל מען וועלן פּאָעזיע, אַ זאַך וואָס איז לויטער אור־באַנעם, אינסטינקט, אינטואיציע, אַנען, פילן, באַנעמען מיט דער נשמה — וועלן אורטיילן בלויז פונם שטאַנדפּונקט פון „קלאָרקייט״, פון פאַרשטיין? פאַרשטייט מען דען אין אונזער וועלט די סאַמע „עלעמענטאַרע״ זאַכן? איז ניט אונזער גאַנצע עקזיסטענץ אַן אייביקער סעקרעט צו אונז, וועלכן מיר טראָגן מיט אין קבר אַריין...״

און ווען וועלט וועט וועלט בלייבן, און מענטש וועט אויפן וועג פון השתלמות, זיך נעמען דערנענטערן צו זיין אור־שליחות לויט ישעיהשן דעוויז פון „וגר זאב עם כבש״, און דער מענטש פון גייסט וועט צוריקגעזעצט ווערן אויף זיין כסא הכבוד — וועט דעמאָלט אויך געוואָרפן ווערן די געהעריקע שיין אויף די כלומרשטע טונקלקייטן פון די פּשטותדיקע ווערק פון מיכל ליכט.

פון מיכל ליכטס אוצר

רעגונג און שטילקייט

(זיין ערשט ליד פון זיין ערשטן בוך „עגאָעמען״)

פיל איך ווען נאָר רעגונג באַוועגט זיך דאָן מיין קערפּער
אַזוי מאָדנע און ציט מיך צו עטוואָס וואָס איז פּוסט און ליידיק.
ס'איז גוט
צו פילן שטילקייט. שטילקייט איז אַ לאַבירינט פון זאַכן וואָס געווען
פאַרוואַנדלט דורך מאַגיק אין זאַכן וואָס זיינען. רעגונג —
ניין. רעגונג אַנטבלויזט די פאַרלאַנגען. שטילקייט
דעקט זיי איבער מיט אַ טייערן קילן שאָטן.

רעגונג איז אַ פוילער הונט וואָס בענקט
נאָך רו. שטילקייט איז דער פלינקער יעגער
פון עכאָס. רעגונג לויערט אויף מיר אין טאָג־ליכט,
שפּאַנענדיק איבער די אומריינע שטאָט־גאַסן. שטילקייט
פילט מיין וועזן אָן ווי איך וואָלט בלאָנדזשען
איבער די פאַרגרינטע שטעגלעך פון וועלדער. רעגונג
איז אומווירדיק, ווייט פון שיין, אָפּשיילעך. שטילקייט
אָבער — וואו נאָר איך זאָל נים קומען, דאָרט איז אויך
פאַראַן דער וואונדער פון לעבן. און דאָס איז —
שטילקייט.

זונטיק — פינפטע עוועניו

(פון בוך „עגאָעמען״)

צוויי פערד אין אַ לאַק־גַעשפּאַן
אין זייערע העלדזער
געבויגן ווי פייער ראַקעטן.

די גומי־רעדער פון פיאַקער
זאַפּן איין אין זיך
דאָס שטילע גערויש פון שפּאַצירער אין גאַס.

די יונגפרוי וועמעס רו טוליעט זיך
צום גלאַט־באַשלאָגענעם געוואַנט פון פיאַקער
באַטראַכט אין האַלב־ליגנדיקער פּאָזע
די וויטרינעס : גרויסע בלינדע אויגן.

די בייטש איבער דעם רוקן פון פערד
בליצט ווי אַ קאַפּריזער זיגזאַג,
און עמיצער פאַרלויפט דעם וועג
מיט פאַרכטיקער איילעניש אין די אויגן.

לעצטע רגעס . . .

(דאָס ליד און די דריי נאָכפאָלגנדיקע לידער זיינען די שלוס־לידער
פון מיכל ליכטס נייעסטן בוך „לעצטע לידער״)

מיט אַ געזונט האַרץ, גיט מען זיך אַן עצה;
מע זאָגט דעם, און מע הייסט דעם — — — און עס פאָלגט.
דערגייט מען אָבער נים דערמיט קיין טאָלק — — —
דערלאַנגט מען זיך גוטברודעריש אין פּלייצע.
נאָר וואָס־זשע טוט מען מיט אַזאַ „קאַראַנע״,
וואָס גליווערט ס'בלוט און רינצלט הוים

ש. טענענבוים

אינפאָרמאַציע וועגן מיכל ליכט

(1887—1953)

אַן אמתער דיכטער לעבט אינם רוים פון דער גאַנצער וועלט. סינדעסטוועגן האָט געטע געהייסן באַזוכן דאָס לאַנד פונם דיכטער, כדי אים בעסער צו קענען און צו פאַרשטיין. עס איז קלאָר: אַ פּאָעט איז אַ רעזולטאַט [illegible]. ער איז אַ קוואַט פון זיין פאָלק. אַ קינד פון זיין לאַנד. ער איז געבוירן געוואָרן און ער האָט געשעפּט זיין יניקת פון דער נאַציאָנאַלער סביבה, הגם זיינע פליגל האָבן אַנגערירט אַלע ספערן פונם וועלט־רוים.

איך גיי נישט נאָר צום לאַנד פון אַ דיכטער, נאָר אפילו צו זיין הויז. צו זיין גאָרטן. איך זוך די ערד וואו ער האָט אין גרויסער מעלאַנכאָליע געשטעלט זיינע ווייטיקלעכע טריט. עס איז גוט אַריינצואָטעמען נאָענט דעם פּערפיום פון זיין נשמה. איך וויל אים פיזיש אָנרירן. איך בין מיין גאַנץ לעבן עולה רגל צום דיכטער. אַ געהיימנישפולער דראַנג ציט מיך צו זען זיין הויז און זיין היים. צו פאַרנעמען די גרויסע שטילקייט וואָס ער האָט אַרום זיך געשאַפן און וואָס איז אויף אייביק געבליבן שטיין אינם רוים.

איך האָב עולה געווען צו די קברים פון היינע און סלאָוואַצקי. באַלזאַק און וויקטאָר הוגאָ. אָסקאַרד ווילד און לודוויג בערנע. איך בין געגאַנגען צו דעם הויז וואו וואָלט וויטמאַן איז געבוירן געוואָרן און וואו עס שטייען נאָך די לאַנדשאַפטן און די בעז־בוימער וואָס ער האָט באַרירט אַלס קינד מיט זיין אויג און וואָס ער וועט שפּעטער איינלאָדן אין זיין דיכטונג. איך האָב באַזוכט דאָס הויז וואו פּאָ האָט געשריבן „די ראָב" און וואו ער איז אין איינזאַמקייט געזעסן ביים בעט פון זיין שטאַרבנדיקן ווייב, ווירדזשיניאַ.

ווען עס איז געשטאָרבן דער פּאָעט מיכל ליכט, האָב איך געליי־ענט אין אַ צייטונג פון 12טן יוני, 1953: „דער טויט איז געקומען פּלוצלינג, ווען ליכט איז געווען אין דעם פּאַרק פון פאָרדהעם היל, בראָנקס. ליכט האָט אין די לעצטע יאָרן געוואוינט אויף 2411 וועב עוועניו, בראָנקס. ער לאָזט איבער זיין פרוי עוועלין."

פון דעם טאָג אָן האָב איך געוואָלט גיין אין דאָזיקן פּאַרק, וואו אַ אידישער דיכטער האָט איינזאַם אויסגעהויכט זיין נשמה. איך האָב געוואָלט זיין אין דאָזיקן הויז, וואו אַ אידישער שריפטשטעלער האָט צום לעצטן מאָל מיט זיינע קלוגע אויגן אויף דער וועלט געקוקט. איך האָב געוואָלט רעדן מיט דער דאָזיקער פרוי, עוועלין, וואָס איז געווען דעם דיכטערס יאָרנלאַנגע באַגלייטערין אין דעם פּייַנלעכן לעבן זיי־עם אויף דער ערד.

ווען איך בין אין אַ זוניקן טאָג פון חודש יולי, אין יאָר 1953, געקומען אין הויז פון עוועלין מאַרקאָן־ליכט, האָב איך אַרויסגע־קוקט דורך די גרויסע פענצטער. ס'איז גרויס און גערוים געווען דאָס זטיק וועלט וואָס מען האָט פון דאַנען אויס געזען. מען האָט געקענט זען אַ ריזיקע פּאַרציע פון די בראָנקס און דאָס אויג האָט אַפילו דער־רייכט שטיקער פון דער פּיכטער און גרינער לאָנג־איילאַנד. מען האָט געקענט זען נישט ווייט, ביים פאָרדהעם פּאַרק, אַ גרויסע, אַ שטיינערנע קירכע. איך האָב געקוקט אויף אַלע זאַכן וואָס דער דיכטער האָט באַ־טראַכט מיט זיינע קלוגע אויגן. ער האָט אַרומגענומען יעדן פרימאָרגן וועלט־ראַם. ער האָט באַטראַכט דאָס גראַנדיעזע הימלישע געמעלעכץ, פאַרביקע וואָלקן־ וויטראַזשן פון אַלע פיר זייטן פון דער וועלט. האָט אַריינגענומען אין זיך דעם מיסטעריעזן עכאָ פון אַ געוואַל־דיקער שטיינערנער שטאָט. זיינע אויגן האָבן זיך אוודאי געמוזט אָפּ־שטעלן ביי דער גראַניטענער קירכע. קיין פרומער איד איז מיכל ליכט נישט געווען, אויף ווי־ווייט איך ווייס. אָבער וועלכער אמתער פּאָעט וועט נישט אין מיסטישן עקסטאַז פאַר דער מיסטעריע פונם וועלט־באַשאַף? און אַ מענטש ווי מיכל ליכט, וואָס האָט ליב געהאַט אַלץ צו פאַרשטיין, די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון דער מאַטעריע צו באַנעמען, האָט דאַי געמוזט זיין אַ רעליגיעזע נאַטור.

צוויי פרויען זיינען געווען אין דער דאָזיקער גערוימער שטוב: עוועלין ליכט און מרס. פאַני מעלעקער, די שוועסטער פונם פּאָעט. עס זיינען ס'רוב די ווייטנדיקע פרויען וועלכע בלייבן איבער ביי דעם נאָר־וואָס פאַרשאָטענעם קבר פונם הערלעכן פרינץ... און אַנט־קעגן די צוויי פרויען האָב איך זיך שטיל און פאַרשעמט און מינדער־וויכטיק געזעצט מיט מיין טינט־אָנגעפּאַיעטער פּען און מיטן קאַיעט וואָס שליסט איין טאָג)ביכעריש אַלע מיינע איבערלעבענישן. די פּען האָט געצייכנט פּשוטע אינפאָרמאַציע־נאָטיצן. וואָרים עס ברענט נישט מיט דער קריטיק. די מאַדאַם קריטיק קען אין דעם דאָזיקן מאָמענט אַביסל צו וואַרטן. איבערהויפּט אין אונזער אידישער סביבה, ווען די ליטעראַרישע קריטיק איז סיי־ווי־סיי פון קנאַפּער באַדייטונג, ווען עס פעלט אַ לעבעדיק פּובליקום. מיינס אַן אויספירלעכע אַרבעט, לאָמיך דאָ פאַרצייכענען, איז דערשינען מיט אַ צייט צוריק אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט". לאָמיר אויך אָנגעבן פּינקטלעך די דאַטע: 2טער אַפּריל און 9טער אַפּריל, 1948. די זעלבע אַרבעט איז אויך אַריין אין מיין בוך: „שניט פון מיין פעלד", ניו־יאָרק, 1949.

מיר ווילן דאָ ברענגען אַביסל אינפאָרמאַציע, וואָס עס איז אפשר נייטיק צו פאַרצייכענען, כדי מען זאָל וויסן עפּעס וועגן אַ פּאָעט מיכל ליכט, אויב די קונפטיקע דורות וועלן נאָך בלעטערן אַ אידיש בוך. און מיט ביאָגראַפיעס און מאָנאָגראַפיעס פון אידישע קינסטלער איילט מען זיך דערווייל אויך נישט, בפרט וועגן אַזאַ אומפּאָפּולערן פּאָעט ווי מיכל ליכט איז געווען. — — —

פרייטיק, דעם צוועלפטן יוני, 1953, איז פאָרגעקומען די לויה פון מיכל ליכט. דעם 22טן יולי, פון דעם יאָר 1913, איז מיכל ליכט געקו־מען קיין אַמעריקע, פונקט מיט פערציק יאָר צוריק. ער איז געקומען אויף אַ וויזיט צוזאַמען מיט זיין מוטער און מיט זיינע זיבן שוועסטער און ברידער. מרס. פאַני מעלעקער, וואָס זיצט דאָ אין שטוב, בשעת איך מאַך נאָטיצן, איז געווען דאָס צווייטע קינד. מיכל ליכט איז פון איר געווען עלטער מיט צוויי יאָר. מיט ניינצן יאָר צוריק, גענוי דעם זעלבן טאָג פון מיכל ליכטס טויט, איז אויך זיינס אַ ברודער געשטאָרבן. זיין פעטער און מומע האָבן מיכל ליכטן אַדאָפּטירט אַלס זייער אייגן קינד.

דער דיכטער איז געבוירן געוואָרן אין אַ דערפל וואָס האָט געהייסן פּליסק, אין די גרינע שטרעקעס פון וואָלינער גובערניע. די שוועסטער זאָגט: ,ס'איז געווען אַ וואונדערשיינע דערפל, מיט גרינע בערג, מיט אַ קאַשטשיאַל'.

איך טראַכט: וועלכעס דאָרף איז דען נישט שיין? און ביאַליקס דאָרף איז געווען מיאוס? און פּרצעס זאַמאָשטש איז געווען שלעכט? און שאַגאַלס וויטעבסק איז נישט געווען גראָ־גרין? און מאָריס ראָ־זענפעלדס באָקשאַ, וואו זיינע עלטערן האָבן געכאַפּט פיש, איז נישט געווען קיין אידיליע? און אַש'ס שטעטל קוטנאָ איז נישט געווען פרום? און שניאורס שקלאָוו איז נישט געווען קיין קעניגרייך פון שיינקייט? און האַימאָוויטשעס ישיבה־שטעטל מיר האָט נישט געהאַט אַ הערלעכן שלאָס? עס איז יעדעס גרינע ווינקל וואונדערשיין. און דאָרט וואו אַ דיכטער עפנט זיינע ליכטיקע אויגן, דאָרט שטראַלט די נאַטור מיט געטלעכקייט. און נישט נאָר די שווייץ און איטאַליע זיינען שיין. יעדעס נאַטור־ווינקל געדענקט זיך שענער צו דעם וואָס איז דאָרט געבוירן געוואָרן ווי אַ טויזנט שווייצער לאַנדשאַפטן.

און עפּעס פּלאָנטערט זיך ביים געבורטס פונם דיכטער אַ קאַש־ציאַל. דער קאַשציאַל וועט וואַנדערן צו דער לעצטער לאַנדשאַפט, אין די בראָנקס, ביז צו די לעצטע טעג...

עס איז געווען דער טאַטע אַ פּאַסעסאָר פון וועלדער און פעלדער. עס איז נישט קיין שלעכטע מלאכה. אויך אַ פּאָעט איז אַ פּאַסעסאָר פון וועלדער און פעלדער. ס'האָט יעדער דיכטער צו זיין דיספּאָזיציע דעם גאַנצן רוים. און וואָס ער וויל טאָן מיט אים, טוט ער, אין קעניגטום פון זיין אויסדערוויילטן ליד. מיכל ליכט האָט טיף ליב געהאַט די טאָלן און בערגער און פרעסקאָס פון דער נאַטור. ווי אַ מאָדערנער דיכטער האָט ער שוין צופיל ליב געהאַט די נאַטור. אין זיין יעדן ליד האָט זיך אַריינגעבראַכן אַ לאַנדשאַפט. ער האָט אָבער די נאַטור רעאַנראַזשירט אין זיין ליד. ער האָט זי געגעבן אין אַ ניי־אימאַזש און ניי־פאָרם.

איר האָט צוטאָן מיט אַ פּאָעט וואָס מאָלט ווייך מיט ווערטער ווי מיט זיידענע פּענזלען. אָט ווי ער טוט אַ מאָל מיטן אידיש־לשון־פּענזל — און אַמאָל אפילו מיט פולער באַרשט קאָלער און גאָלד:

„אין אַ גרינעם בערגלס טעלער ליגן
קומט דער נעגל פאַרסקאָרוועטער צאַפּ

מיט די קאָלטענעס און באָרד: די קופּערנע זון
פיבערט אין זיינע שלשלת־געפלאָכטענע הערנער
ווען טאָג הייבט אָן פאַרמאָלן פעלדער
און פאַרלייזן שטיקלעך אָפּגעלושעטע קאַלירן
רוקן פינגער זיך אַרויס פון בערגלעך וועלדל,
פינגער פון פאַרשפּינוועבטע שאָטנס,
ביז אַ זיסער טראָפּן פונם הימל
וואָס אַרוס דעם אָלָן ״
פון דיין אויסערלעכן שימל.
די האַרט־הייסע הענט ביי אים מיט בייזן מאָך־געל —
געל ווי אמבער אין דעם זון־געשפּיל.״

— ווען, אומגעפער, האָט מיכל ליכט אָנגעהויבן צו שרייבן?

עס ענטפערן בײדע פרויען צוזאַמען: ווען ער איז געווען נאָך אַ קליין אינגעלע פון אַ יאָר זיבן, אַכט. אַזוי שנעל ווי זיין יונג הענטל האָט גענומען די פען אין דער האַנט אַריין, האָט ער שוין די געפּרואווט פירן אין די רעגיאָנען פונם מיסטעריעזן וואָרט.

מיכל ליכט, עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, האָט צו פערצן יאָר שוין געשיקט אַ פּאָעמע צום גראַף לעוו טאָלסטאָי. און דער מעכ־טיקער רוסישער שריפטשטעלער, טאַקע טאָלסטאָי אַליין, דער גראַף וואָס האָט פאַרריכט שיך און האָט זיך געחברט מיט פויערים, האָט אים געענטפערט מיט אַ בריוו. ער האָט געלויבט די פּאָעמע. די פּאָעמע איז ערגעץ וואו פאַרפּנטלעכט געוואָרן. דער בריוו איז אוודאי ערגעץ וואו פאַרלוירן געוואָרן. אָבער עס איז טיפּיש פאַר מיכל ליכטן — דער פאַר־נעם: צו שיקן זיין וואָרט־שאַפונג, ביי די סאַמע ערשטע שריט זיינע, צום גרעסטן רוסישן מייסטער. מיינט עס דאָך אויך אַז ער האָט זיך, אין זיינע אינגלערישע אַמביציעס, פאַרנומען גאָר אויף רוסיש, נישט אויף אידיש.

מיכל ליכט האָט, קומענדיק קיין אַמעריקע, געהאַט פּלענער צו פאָרן קיין ליעזש, (בעלגיע), כדי צו שטודירן אין דעם דאָרטיקן אוני־ווערזיטעט. אָבער די ערשטע וועלט־מלחמה ברעכט אויס, איז ער שוין דאָ פאַרבליבן. מיכל ליכט איז געווען אַן אמתער געלערנטער, אַ גרוי־סער סאַוואַנט, אין פולן זינען פון וואָרט. ער איז אַ צייט געגאַנגען אין מאַנהעטן קאַלעדזש. אויך אין רענד־סקול. ער האָט גענומען קורסן אין פאַרשיידענע שולן. ער איז געווען אַ לערער אין דער שטאָטס צוגריי־טונג־שולן, פאַר אימיגראַנטן. אָבער מערסטנס איז ער געווען אַן אויי־טאָדידאַקט. ער האָט זיך אַלץ אַליין אויסגעלערנט. און ער האָט טאָג און נאַכט געלערנט. ער האָט זיך כסדר באַרייכערט מיט פרישן וויסן.

מערקווירדיק איז געווען זיין חוש און רייכע קענטעניש פון מוזיק. אין משך פון יאָרן האָט ער אָנגעזאַמלט אַ גרויסע ביבליאָטעק וועגן מו־זיק, אַ מאַסע רעקאָרדס. ער אַליין האָט גוט געשפּילט אויף אַלע מוזי־קאַלישע אינסטרומענטן. נאָך איין־און־איינציקער לעקציע האָט ער באַ־הערשט דאָס שפּילן אויף דער צאַרטער טשעלאָ. זאָגט צו אים איינמאָל אַ באַדייטנדיקער מוזיקאַנט:

— דו האָסט באַדאַרפט זיין אַ קאָנדוקטאָר.

ווען מיכל ליכט האָט געהערט אַ מוזיקאַלישע זאַך, לאָמיר זאָגן, אַן אָפּוס פון הידען, איז ער באַלד געגאַנגען צו דער מוזיקאַלישער ענציקלאָפּעדיע. ער האָט פריער דורכגעקוקט אַלץ אין זיין ביבליאָטעק. ער האָט געלאָזט שפּילן די פאָנאָגראַפן. ביז ער האָט פאַרצייכנט און אויסגעפונען די גאַנצע ליטעראַטור אַרום דעם באַטרעפנדיקן ווערק.

ער האָט געמאַכט אַ ריזיקן קאַטאַלאָג פון אַלע זיינע מוזיקאַלישע אוצרות. ער האָט געזוכט די לידער פון אַלע מוזיק־שטיקער. ער האָט געניי פאַרצייכנט נעמען און דאַטעס. ער האָט וועגן די ענינים געפירט קאָרעספּאָנדענץ מיט פריינט. ער האָט צונויפגעשטעלט ריזיקע אַנטאָ־לאָגיעס מיט די לידער פון דער מוזיק, וואָס ער האָט געקענט און געהערט.

מיכל האָט באַזעסן אַ פענאָמענאַלן זכרון. געוואַלטיקן געדולד. פּרעציזקייט און אָרדנונג. סיסטעם און ענערגיע. אין אַלע זיינע ביכער, וואָס ער האָט געליענט, האָט ער געמאַכט נאָטיצן און באַמערקונגען. אַלץ איז געווען מיט גרויס סיסטעם אָרגאַניזירט און געשלאָסן. ער האָט שטודירט טאָג און נאַכט. ער האָט נישט געהאַט גענוג צייט אינם פיר־און־צוואַנציק שעהדיקן מעת־לעת. אַלץ איז דורך אים געוואָרן געליענט און וויסנשאַפטלעך שטודירט.

מיכל ליכט האָט אויך געקענט געזעצן. עס זאָגט איינמאָל צו אים אַ גרויסער אַדוואָקאַט:

— דו ווייסט מער וועגן געזעץ ווי איך. דו האָסט באַדאַרפט זיין אַ ריכטער.

— מיכל ליכט האָט אויך גוט געקענט מאָלעריי.

איך פרעג:

— וואָלט ער דאָס אַלץ געטאָן ווען ער וואָלט געווען געזונט? איז עס נישט געווען דער אינטעלעקטועלער צייט־פאַרטרייב פון אַן איינ־וואַליד?

— אפשר נאָך מער וואָלט ער דאָס געטאָן ווען ער וואָלט געווען געזונט! — זאָגט זיין פרוי עוועלין. — ער האָט פּאַקטיש אָנגעהויבן צו זאַמלען פאָנאָגראַפן ווען ער איז געווען געזונט.

איך קוק זיך אַרום אין דער גערוימער שטוב: דאָ שטייען די שענקלעך מיט זיינע רעקאָרדס, מיט זיין מוזיקאַלישער ביבליאָטעק. דאָ הענגען אויף די ווענט די וואַסער־קאָלירן פון עוועלין מאַרקאָן־ליכט. דאָ ליגן אויף דער פּאָדלאָגע די שטילע, ווייכע טעפּיך־לאַנדשאַפטן. דאָ זיצן ביידע פרויען, אָנגעקליידט אין טרויער און אין לאַמענט. דאָ, אָט־דאָ, האָט געוואוינט דער דיכטער מיכל ליכט. דאָ האָט ער געטראַכט און גע־לייענט. דאָ האָט ער גערוים שפּאַצירט און האָט פאַרבראַכט זיינע שעהן, ווען די פרוי איז געגאַנגען צו איר אַרבעט און ווען די זון האָט אויפגעלויכטן אויף צו פאַרקונדיקן די גרויסקייט פונם נייעם טאָג.

(המשך קומט)

ש. לאַנשיין

לייענענדיק אידישע ביכער

משה פריד, „די איבערגעבליבענע״ זעקס איינאַקטיקע דראַמען, מיט פאָרוואָרט פון דר. מאַקס רייזין. אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינט פון דער פּעטערסאָנער „ציקאָ״, 131 זייטן 1952.

דער מחבר פון בוך איז אַ באַקאַנטער אידישער שרייבער, כאָטש זיין נאָמען קלינגט ניט אַזוי אָפט צווישן די רעקלאַמירטע און פּאַטענ־טירטע ליטעראַטן אויף דער אידישער גאַס. עס קען זיין, אַז טאַקע דער־פאַר איז זיין בוך פאַרשוויגן געוואָרן.

ס׳איז גענוג טרויעריק וואָס טאַלאַנטירטע שרייבער מוזן היינטיקע צייטן אָנקומען צו פריינט וואָס זאָלן העלפן אַרויסגעבן זייערע ווערק. וואָלט געווען אַ יושר, מען זאָל כאָטש אַזעלכע ביכער דערמאָנען. זעט אָבער אויס, אַז דאָס ביסעלע נחת פאַרגינט מען אויך ניט דעם שרייבער.

דאָס בוך „די איבערגעבליבענע״ געהערט צו דער 2טער וועלט־מלחמה ליטעראַטור. אין דעם בוך טראָגט משה פריד צו אַ קאַפּיטל פון דער גרויסער אידישער טראַגעדיע פון אונזער פאָלק אונטער די דייטשע קאַניבאַלן.

אידן האָבן זיך שוין אָנגעלייענט פיל איבער דעם דייטשן גיהנום אין די לעצטע צען יאָר; קיינער, דאַכט זיך, האָט אָבער ניט אַזוי אויפ־געפּאַסט די גרוילטאַטן ווי דער מחבר משה פריד: זיין אַרט שרייבן, זיין סטיל, זיינע בילדער, אָטעמען מיט עכטקייט. דאָס בוך גיט ניט דעם איינ־דרוק פון פאַנטאַזיע, נאָר פון דעם שרעקלעכן בלוט־פאַרקילענדיקן אמת. אַזוי אָפּמאָלן דעם גיהנום מוז מען קענען, און משה פריד באַזיצט די פייאיקייטן.

איבערלייענענדיק דעם בוך, בלייבט מען מיטן איינדרוק אַז דאַנ־טעס „אינפערנאָ״ איז אַ שפּילכל אין פאַרגלייך מיט דעם דייטשן גיהנום.

עס איז גענוג איבערצולייענען משה פרידס דראַמאַטישע פּאָעמע „די זיבן געהאַנגענע נאַציס״, אָדער זיינס אַ צווייטע בילד — „אַ שטיקל זייף״. דעם לייענערס האַרץ ווערט פאַרקלעמט פון ווייטאָג. ניט ווייניקער ווערט מען גערירט פון די אַנדערע 4 בילדער אין פּראָזע, אין וועלכע דער מחבר שילדערט אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן די אידישע מלחמה טראַגעדיעס. דאָס בוך, וואָס איז שיין אַרויסגעגעבן, פיין געבונדן, האָט אַ מאָנומענטאַל־היסטאָרישן ווערט.

יעקב סטאָדאָלסקי

מיכל ליכט

(שטריכן פון אַ גרעסערער אַרבעט איבער מאָדערניזם).

איך גלויב אַז דער בעסטער טריבוט צום אָנדענק פון מיכל ליכטס שאַפן וועט זיין, ווען מיר וועלן געפינען בילדלעכע אַקסיאָמעס מיט וועלכע מען זאָל קענען דעפינירן וואָס מיינט און ווי אַזוי ס׳געשטאַלטיקט זיך דער מאָדערניזם.

דעריבער וועלן מיר מאַכן, ביים ערשטן אַרויספּאַר, אַ באַהויפּטונג: — אַ מאָדערניסט מוז פאַרמאָגן אַ העכערע מאָס פון אינטעליגענץ ווי דער ניט מאָדערניסט, ער מוז האָבן אַ דאָפּלטע דערפאַרונג, ער מוז האָבן קענען געלערנט דאָס פריערדיקע, דאָס אָפּגייענדיקע, און ער דאַרף האָבן אַן אויג פאַר דאָס נייע, ער מוז זיין פון אַ גאַנץ אַנדערער מענטאַליטעט פון דעם געוויינלעכן שרייבער.

דער מאָדערניסט דאַרף קענען די אומוועלצונג וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אינם סאָציאַלן, פּסיכאָלאָגישן און פילאָסאָפישן וועזן; ער דאַרף קענען גיין מיט די געלערנטע וואָס האָבן געזען די ענדערונגען און האָבן זיי פאַרצייכנט.

דער מאָדערניסט ווי די געלערנטע, מוז קומען אין קאָנפליקט מיט יענע עלעמענטן וועלכע האָבן ניט קיין חושים, קיין אויגן פאַר דאָס נייע; אַ קאָנפליקט אַפילו ווען ער ווערט דער טראַגישער פאַרשפּילער; ער איז דער אָנהויבער פון אַ נייער עפּאָכע; ער דערוואַרט ניט קיין אַפּלאָדיסמענטן, קיין האָנאָראַרן; אים אין וועג וועלן שטיין קריטיקער, לייענער פונם „אַלטן חדר״, זיי וועלן אים אויפנעמען מיט קללות, מיט זלזולים — אומגעאַכט באַטרעט ער, באַוואוסטזיניק, זיין נייעם וועג.

ער איז דער נביא פון דער נייער דערשיינונג אומדערשראָקן גייט ער זיין וועג.

דער מאָדערניסט זעט דעם אָפּגאַנג פון אַן אַלטער עפּאָכע און דאָס אָנקומען פון אַ נייער, און מיט איר אָנקום ענדערט זיך כמעט דאָס גאַנצע אויסזען פונם געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן.

אַ גאַנץ נייע שפּראַך, נייע קאָלירן, אַ נייער דענקען, האָבן די אַלטע הערשאַפט אָפּגעשטעלט און אַ נייע אויף איר אָרט געגרינדעט.

דאָס אַלץ איז וואָיל באַוואוסט, אַפילו אַ מענטש פון וועלכער עס איז ניט אינטעליגענץ קאָן דאָס גרינג איינזען, פונדעסטוועגן זעען מיר אַ גאַנץ אַנדער בילד — דאָס וואָס ס׳איז אַזוי אויגנשיינלעך ווערט פאַרשטויסן, אויסגעלאַכט און ניט פאַרשטאַנען.

דער ענטפער איז: קאָנסערוואַטיזם, איגנאָראַנץ און די פּרימיטיווע מורא פאַר דעם אומבאַקאַנטן, און דאָס ניט וועלן אויפגעבן פריערדיקע פּאָזיציעס ווען מען קען זיך ניט אַריינפּאַסן אין די נייע.

אָבער, קיין מאַכט קען דעם גאַנג פונם מאָדערניזם ניט אָפּשטעלן; ער ווערט געפירט פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס ענדערט לעבנסשטייגערס, אַלטע אויפפאַסונגען, אַלטע אינסטיטוציעס און אויף זייער אָרט בויט ער נייע.

אַלטע פונדאַמענטאַליסטן, אַבסקוראַנטן מוזן מאַכן פּלאַץ פאַר דעם נייעם.

דאָס וואָס ס׳איז ביז איצט באַמערקט געוואָרן האָט געטראָגן מער אָדער ווייניקער אַן אַבסטראַקטן כאַראַקטער. מיר האָבן אָבער ביים אַריינפיר צוגעזאָגט צו געבן בילדלעכע אַקסיאָמעס — לאָמיר זען:

אַקסיאָמע איינס:

צווייערליי אופנים פון שרייבער געפינען זיך אין יעדער ליטעראַטור: איינער אַ נאָכאַמענדיקער, אַ צווייטער אַן אָריגינעלער: ביישפּיל — אַ קינד ווערט געבוירן שפּראַכלאָז, מיט אַנלאַגן פאַר אַ שפּראַך; מיט דער הילף פון עלטערן, שולע, גאַס לערנט זיך דאָס קינד אויס רעדן; אַזוי אַרום דערגרייכט עס פאַר זיך אַ שפּראַך, ניט קיין אייגענע, אַן אויסגעלערנטע.

ווען מיר וואונדערן זיך איבער די קלוגשאַפט פון אַ קינד, מיינט עס אַנדערש ניט ווי דאָס נעמלעכע קינד האָט געמאַכט אַן אָנווענד, אַ דריי געטאָן מיט זיין אויסגעלערנטער שפּראַך. די עלטערן זיינען אויסער זיך פון פרייד: דאָס קינד איז אַ קלוג קינד; דאָס קינד ווערט באַלוינט מיט אַ קוש; די עלטערן גלויבן אַז אין זייער הויז וואַקסט אַ גאון!

די זעלבע דערשיינונג באַגעגענען מיר אויך אין דער ליטעראַטור אָדער אין די אַנדערע צווייגן פון מענטשלעכן דענקען — נאָכאַמערס און אָריקינאַלן.

אפשר די גרעסטע טייל פון ליטעראַטור און קונסט באַשטייט פון נאָכאַמערס: זיי, די נאָכאַמערס, ווי דאָס דערמאָנטע קינד, נעמען איבער, פון זייערע ליטעראַרישע עלטערן אַ פאַרגעדענקטע שפּראַך.

זעען מיר אָבער, בשעת דאָס קינד וואָס נעמט איבער אַ שפּראַך ברענגט נוצן — פאַר זיך און פאַר זיין מיטמענטש, איז דאָס פאַרקערטע ריכטיק אין ליטעראַטור און קונסט און אין אַנדערע צווייגן פון אַ מענטשלעכן דענקען. די נאָכאַמערס ברענגען זייער ווייניק נוצן דער ליטעראַטור און קונסט, פאַרקערט, זיי זיינען שעדלעך און אַ געפאַר פאַר די אמתע ליטעראַטור און אמתן דענקען.

אויפן געביט פון ליטעראַטור זעען מיר אַ גאַנץ אַנדער בילד: בשעת די טאָג־טעגלעכע עלטערן שיינען פון פרייד, קוועלן אַן פון דעם רעדנסאַרט, די חכמות, די איינפאַלן, די שטיקלעך וואָס די קלוגע קינדער טוען אויף מיט זייער אויסגעלערנטער שפּראַך, זעען מיר דאָס פאַרקערטע ביי די ליטעראַרישע עלטערן, זיי ציען אָן פאַרכמורעטע בייזע פּנימער; זיי פאַרדרייען די לאָמפּן, פאַרמאַכן די לאָדנס און פאַרשטאָפּן זיך די אויערן צו די חכמות פון זייערע ליטעראַרישע קינדער.

דאָס קען שטאַמען פון דעם וואָס די ליטעראַרישע עלטערן פאַרשטייען אינגאַנצן ניט זייערע קלוגע און אָריגינעלע קינדער; זייער אינטעליגענץ האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, זיי רוען שוין אויף זייערע לאָרבער קראַנצן, און זיי ווילן ניט זיין מער געשטערט פון נייע אויפטואונגען.

אַקסיאָמע צוויי:

יעדער נייער אָנווענד אָדער ענדערונג, אויף וועלכן ס׳איז ניט געביט דערקענט זיך גלייך אין דער שפּראַך אָדער קאָליר: מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ האָבן דריי שפּראַכן אַריינגעברענגט אין אידיש: אַ מענדעלע שפּראַך, אַ שלום־עליכם שפּראַך, אַ פּרץ שפּראַך; מיט אַ שפּראַך מיינען מיר אַ פילשטענדיק קינסטלעריש אידיאָמאַטיש לשון, זיי האָבן איבערגענומען, ביים פאָלק, אַ ניט אָרגאַניזירטע כאָאָטישע שפּראַך און אים צוריקגעקערט אַ קינסטלעריש־אָרגאַניזירטע שפּראַך.

אַזוי אַרום האָבן זיי אינטעלעקטואַליזירט דאָס פאָלק און די שפּראַך, אַזוי אַרום האָבן זיי געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר די שפּעטער געקומענע אין דער אידישער ליטעראַטור.

פּרץ, מענדעלע און שלום עליכם זיינען געווען מאָדערניסטן און אולטראַ מאָדערניסטן.

זיי זיינען געקומען אין קאָנפליקט מיט די סתם־שרייבער, מיט די נאָכאַמערס, זיי זיינען געקומען מיט אַ נייעם בליק, מיט אַ נייער אידישער פילאָסאָפיע. צוליב דעם האָבן זיי געמוזט באַשאַפן. אַ גאַנצקייט, אַ פאָלק און אַ פילאָסאָפיע פאַרן פאָלק. פאַר דעם אַלעם האָבן זיי ניט געהאַט קיין צוגעגרייטע שפּראַך — זיי אַליין האָבן זי געדאַרפט באַשאַפן.

יעדער נייער אָנווענד אָדער ענדערונג דערקענט זיך אין דער שפּראַך.

אַקסיאָמע — דריי:

„די מאָדערניסטן זיינען אומפאַרשטענדלעך, די מאָדערניסטן קריכן אויף די גלייכע ווענט.״ וואָס איז מכוח פאַרשטענדלעכקייט? וועלכע פאַרשטענדלעכקייט איז אייך נאָענט קריטיקער און לייענער?

ביישפּיל צוויי: אַ קינד הויבט אָן צו גיין אין אַ עלעמענטאַר

וואונדערלעכן צוזאַמענלעבן וואָס זיי האָבן ביידע אויסגעדיכטעט ווי אַ שטענדיק באַגייענדיק ליד פול מיט צאַרטער חברשאַפט און טיפער ליבשאַפט.

רו און פרידן, ליבער חבר.

ש. טענענבוים

אינפאָרמאַציע וועגן מיכל ליכט

(1953 — 1887)

(המשך)

איך זיץ אין פּאַרק אַ שטילער און אַ געבויגענער. פּלוצלינג ציטער איך אויף... איך טראַכט: אָט זיץ איך איצט אפשר אויף דער באַנק וואו ער איז געזעסן אין דער לעצטער שטונדע. דאָרטן, וואו די זון פאַרגייט, סקריפּעט אַ וואָגן: ס׳איז אפשר דאָרט אַרומעט דער אַמבולאַנס אַרויסגעפאָרן פון פּאַרק. סיי־ווי־סיי, דאָס איז געווען זיין וויאַ דאָלאָראָזאַ, זיין לעצטער שמערצפולער וועג. ס׳האָבן דאָ צווישן די בוימער אָפּגעקלונגען די שטיקלעך לאַטייניש ווערטער פון דעם תהילים, וואָס ער האָט כאָרכלענדיק און גוססדיק נאָכגעזאָגט. איך דערמאָן זיך אויך: דאָ, אין דעם פאָרדהעם געגנט, נישט ווייט, שטייט דאָס הויז וואו ס׳האָט געוואוינט עדגאַר עללען פּאָו. עס איז דאָ געשטאָרבן זיין יונגע פרוי, ווירדזשיניאַ קלעם־פּאָו...

איך פאַרזינק אין מחשבות. דאָס איז געווען, לויט מיין טאָג־בוך, דעם 24טן אַפּריל פון יאָר 1951. דריי פריינט האָבן באַזוכט דעם פינצטערן און קרעציקן איוב, וואָס האָט געעפנט די ערשטע געוואַלטיקע דיסקוסיע מיט גאָט. די דריי האָבן געהייסן: אֶליפז דער תימני, בלדד דער שוחי און צופר דער נעמתי.

און דריי פריינט האָבן באַזוכט אין דעם דאָזיקן דערמאָנטן טאָג מיכל ליכטן.

זיי האָבן געהייסן: יצחק ליבמאַן, יעקב סטאָדאָלסקי און מיין ווייניקייט. דריי שטונדן זיינען מיר אין הויז פּונקט קראַנקן פּאָעט געזעסן. דריי שטונדן צייט האָט מיכל ליכט געהאַלטן אין איין אינטעלעקטועלן רעדן. וועגן וואָס אַלץ האָט ער דען דעמאָלט נישט גערעדט? ווער ווייסט: אפשר איז עס געווען זיין לעצטער טיפערער שמועס מיט קאָלעגן...

מיט מיכל ליכטן איז שווער געווען צו דיסקוטירן. ערשטנס איז ער געווען אַ צו גרויסער קענער אַז מען זאָל וואַגן צו ווידערשטעלן זיך זיינע אינטעלעקטועלע אַקסיאָמעס. צווייטנס, איז זיין פיזישער צושטאַנד געווען אַזוי פראַגיל, אַז מען האָט באַדאַרפט זיין אַן אכזר אים אויפצורעגן. דריטנס — מען האָט געפילט אַז דער מענטש האָט ווייניק טעג פון יום־טוב. און אַז דריי געטריישע פריינט זיינען שוין צו אים געקומען, מיט דער שטילער און פייערלעכער רעוועדענס פון תלמידים, טאָר מען אים דאָס דאָזיקע ביסל אינדזלדיקן יום־טוב נישט פאַרשטערן.

זיינע געדאַנקען זיינען געווען אַזעלכע וואָס עס איז שווער אָנצונעמען אין אַ צייט ווען דאָס האַרץ רעכנט זיך מיטן אָפּפלוס פון מיליאָנען אידנס בלוט. מיכל ליכט האָט אָבער באַזעסן אַ פרייען גייסט און אַן אינטעלעקטועל־ראַציאָנאַלן אורטיילס־קראַפט. אָט האָט מיכל ליכט אויסגעדריקט אומגעפער דעם געדאַנק אַז די אידן, די אַזיאַטן, די אַריענטאַלן, האָבן קיין ליטעראַטור נישט געשאַפן. דער תנ״ך איז אייגנטלעך נישט מער ווי גאָטעסדינסט. רעליגיעזע ברוך־שטיקער פון אוראַלטע מיסטעריעס. דער תנ״ך איז פול מיט געצנדינערישקייטן.

מיכל ליכט האָט אין אַ נאַכט געבלעטערט די הגדה און געפונען די באַצייכנונג פון בעל. אפילו האָמערס ווערק זיינען אויך שטיקער מסורה, אגדה, פאָלקלאָר. נאָר האָמער גייט שוין צו מיט פּאָעטישע מיטלען, מיט מעטאַפאָר. די אַראַבישע טויזנט און איין נאַכטס־מעשות זיינען פאָלקלאָר אויף דער שוועל פון ליטעראַטור. אַלץ וואָרצלט אין אוראַלטע, רעליגיעזע שאַפונגען. געשאַפן ליטעראַטור האָט אייראָפּע. נישט העברעאיש — נאָר די אידישע שפּראַך האָט אין זיך אַ געמיש פון אייראָפּעאישע שפּראַכן. זי שמעקט מיט אייראָפּע. אייראָפּע האָט געשאַפן דעם מאָדערנעם צוגאַנג צום לעבן — אַלס ליטעראַטור. ביז אייראָפּעס ליטעראַטור־באַוואוסטזיין איז ליטעראַטור געווען גאָטעסדינסט. רעליגיעזער אָפּריכט. מיסטעריע־שפּיל און ריטואַל. ליטעראַטור ווי אַ באַוואוסטזיניקע, ליטעראַרישע שאַפונג, לויט מיכל ליכטן, איז אויפגעשטאַנען און האָט אויפגעלויכטן אין אייראָפּע.

לויט מיכל ליכטן, וואָס רעדט געוויינלעך מיט אַ שמערצפולן שמייכל, מיט קוים־אָטעם אין די לונגען, אגב זייער אַמביציעז אין אויסדרוק אויף זיין פּנים און מיטן זשעסט פון אַן אומאָפּפרעגבאַרער אויטאָריטעט, זיך פילנדיק ווי אַ רבי מיט זיינע תלמידים — זיינען עליאָט און עזרא פּאָונד די גרעסטע פּאָעטן אין דער מאָדערנער וועלט־ליטעראַטור. פּאָונד איז נאָך גרעסער ווי עליאָט. פּאָונד האָט אָנגעמאַכט אַ טומל אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער איז געקומען קיין ענגלאַנד און האָט אפילו דאָרט געמאַכט אַ שטורעם, נאָך פינף הונדערט יאָר טראַדיציע אין דער ענגלישער ליטעראַטור. עליאָט, אַ קאָמבינאַציע פון זשול לאַפאָרג און די עליזאַבעטהאַנער, האָט אויסער זיינע פּאָעטישע און דראַמאַטורגישע פאַרדינסטן, געשאַפן אַ נייעם דרך אפילו אין דעם קריטישן צוגאַנג און אינם פאַרשטייך „האַמלעט.״

לויט מיכל ליכטן איז משה לייב האַלפּערן אַ גוטער פּאָעט, נאָר ער האָט נישט קיין שפּראַך. אַזוי אויך האָט מאָריס ראָזענפעלד נישט קיין לשון, טראָץ זיין הויכן פּאָעטישן טאַלאַנט.

מענדעלען קען מען איצט נישט באַנעמען. אָבער ער איז געוואַלטיק רייך אין לשון. ער האָט אַ שלל מיט שפּראַך־אוצרות. ביי מיכל ליכטן שטייט אַ זאַץ מענדעלע, וואָס איז נאָך געווען געדרוקט אין וואַרשע.

דער אידישער שרייבער י. ש. ה. איז געגאַנגען קויפן ביי מיכל ליכטן זיין רייכע ביבליאָטעק. האָט ער זיך מיט אים שרעקלעך גע־

שול — וואָס לערנט עס? ליטעראַטור, געשיכטע, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע.

אַ אינגל גייט אין אַ מיטלשול — וואָס לערנט ער? געשיכטע, ליטעראַטור, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע.

אַ דערוואַקסענער גייט אין „קאַלעדזש״ — וואָס לערנט ער? ליטעראַטור, געשיכטע, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע.

אַ געענדיקטער פון „קאַלעדזש״ גייט אויף פּאָסט גראַדואירונגס־קורסן — וואָס לערנט ער? ליטעראַטור, געשיכטע, וויסנשאַפט פילאָסאָפיע וכדו׳.

היינט, יעדן איינעם איז פאַרשטענדלעך אַז אַ לערער פון אַן עלעמענטאַרער שול קען נים זיין קיין לערער אין אַ מיטלשול, אַ לערער פון אַ מיטלשול קען ניט זיין קיין לערער אין אַ קאַלעדזש, אַ לערער פון „אַ קאַלעדזש״ קען נים, אַלעמאָל זיין קיין פּראָפעסאָר אין אַ פּאָסט־גראַדואירונג אינסטיטוט.

ס׳איז אַ חילוק אין פאַרשידנקייטן און אינטעליגענץ.

איצט, מיינע ליבע לייענער און קריטיקער: פון וועלכע קוואַליפיקאַציעס, מענטאַליטעט, ווילט איר אַז דיכטער, מאָלער, וויסנשאַפטלייט זאָלן צו אייך רעדן — איז אַ מענטאַליטעט פון אַן עלעמענטאַרער שול גענוג פאַר אייך? באַרעכנט אייך און לאָזט אונז וויסן!

אַקסיאָמע — פיר:

מיר לעבן ניט מער אין דער פערד־און־וואָגן עפּאָכע! פון דער ליטעראַטור איז אַרויסגעפאַלן אַ שלל מיט ווערטער מיט ווערטלעך, מיט אידיאָמען, מיט מעשהלעך, מיט לידער — דער מעכאַנישער מאָדערניסט — דער אויטאָמאָביל — האָט געשאַפן אַ גאַנץ נייע מעכאַנישע שפּראַך, אַ גאַנץ נייע אָנווענדונג!

דער מעכאַנישער מאָדערניסט האָט אינגאַנצן געענדערט דעם אויסזען פון שטעט, דערפער, לענדער, קאָנטינענטן, דער קינסטלער, ליטעראַט, וויסנשאַפטלער, פילאָלאָג א. אַז. וו. זיינען אים נאָכגעגאַנגען און זיינען געצוואונגען געוואָרן איבערצואַרבעטן זייער פריערדיקן לשון כדי זיך צו קענען פאַרשטענדיקן מיט דעם מעכאַנישן מאָדערניסט!

אַ נייע שפּראַך נייע ווערטלעך, נייע אַנעקדאָטן, נייע לידער האָט דער מעכאַנישער מאָדערניסט באַשאַפן; די אַלטע פערד־און־וואָגן שפּראַך איז אַוועק אין געשיכטע, אין אַרכיוון.

פּונקט ווי אויפן מעכאַנישן געביט איז אויפגעקומען אַזאַ ענדערונג אין דער שפּראַך, און דענקען, אַזוי אויך איז אין אַלע צווייגן פון גייסטיקן שאַפן.

אין דער וויסנשאַפט — איינשטיין, אין דער ענגלישער ליטעראַטור — דזשעימס דזשאָיס, אין דער אידישער ליטעראַטור — מיכל ליכט.

דונגען. עס איז גענוג טרויעריק אַז ער גייט צונעמען ביי מיכל ליכטן זיין רייכע ביבליאָטעק...

מיכל ליכט האַלט אַז די אידישע שרייבער פאַרברענען יעדעס מאָל אויפסניי די זעקס מיליאָן קרבנות. ער זעט די פאַרשוועכונג פון די קדושים יעדן טאָג. מען טאָר נישט שרייבן, לויט ליכטן, קיין לידער וועגן דעם אפילו ווען מען ליידט שרעקלעך. מען דאַרף וואַרטן צוואַנציק יאָר ביז מעןמעג זיך צורירן צו דער טעמע. מען מוז שרייבן קיל — נישט אין פייער. עס פרעגט זיך היטלער:

— איך האָב פאַרברענט זעקס מיליאָן אידן. אָבער פאַרוואָס ברענט איר זיי יעדן טאָג אויפדאָסניי?

מיכל ליכט, דאַכט זיך, פעלט מיטלייד און באַציאונג צום איד און צום מענטש. דאָס איז וואַרשיינלעך אַן אויבנאויפיקער איינדרוק. עס איז טיפער זיין קריינקונג פון פאַרוואַנדלען ימים בלוט אין שלעכטע לידער. עס איז דאָ גיכער פאַראַן אַ היכע עטיק ווי די נישטיק־עקסהיביציאָניסטישע פראַקטיק פון געוויסע פּאָעטן וואָס מוזן דווקא אויסשרייען פאַר כלל־ישראל: — זעט ווי איך לייד! זעט ווי איך בראָט זיך אין יסורים! זעט ווי איך בין כסדר מיט די נשמות אין טרעבלינקע! זעט ווי איך בין די האַרף אויף וועמעס סטרונעס עס ציטערן אַלע מענטשנס ליידן...

מיכל ליכט איז אַ צו ריינע פערזענלעכקייט. אַ צו שטאָלצער דיכטער צו קענען יענעמס בלוט פאַרוואַנדלען אין אַ ליד פאַר וועלכן מען גיט אָפּ כבוד.

מיכל ליכט, עס איז כאַראַקטעריסטיש, **דרוקט נישט זיינע לידער,** ווייל ער האָט מורא פאַר גרייזן. גרייזן זיינען זיין פאָביע. איך צווייפל צי ער האָט אַזוי שטאַרק מורא פאַרן טויט — ווי פאַר גרייזן. מיט צען יאָר צוריק, צום ביישפיל, איז אין זיינס אַ ליד אַריינגעפאַלן אַ גרייז. מיכל ליכט דרוקט שוין נישט צען יאָר צוליבן דאָזיקן גרייז. געוויינלעך רעדט ער וועגן גרייזן אין דעם אָדער אין יענעם ליד. ער וויל נישט אַז דער זעצער זאָל געשטרויכלט ווערן... אין יצחק ליבמאַנס „אונזער בוך" האָט ער געדרוקט אַ ליד אָן אַן איינציקן גרייז. ש. ניגער האָט דעמאָלט געשריבן אַז עס איז גראַפּאָמאַניע. אַכט יאָר שפּעטער דערשיינט דאָס זעלבע ליד מיט אַ גרייז. ש. ניגער שרייבט דעמאָלט אַז ווען מיכל ליכט וויל, קען ער שרייבן פּאָעזיע...

האָבן אַ ווירקונג מיט זיין פּאָעזיע וויל **מיכל ליכט נישט. ער האַלט אַז ער איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. ער באַדאַרף ערשט געבוירן ווערן און דערגיין צו פּאָעזיע...**

מינקאָוו, צום ביישפיל, האָט ביי אים געכאַפּט עטלעכע לידער. איין ליד „שלאַנגען" האָט ער געוואָלט צוריק, ווייל ער אַליין פאַרשטייט עס נאָך נישט. ער מוז דאַרויף אַרבעטן. ביז היינט צו טאָג פאַרשטייט ער נישט דאָס ליד. אָבער מינקאָוו האָט זיך אויסגעלאַכט דערפון.

ב. צ. גאָלדבערג בעט מיכל ליכטן צו שרייבן וועגן פרענק העריס, דער באַרימטער ענגלישער שריפטשטעלער און אָסקאַר ווײַלד־ביאָגראַף. מיכל ליכט ענטפערט:

— זיין אויטאָביאָגראַפיע האָב איך נישט געלייענט. וועגן זיינע סענסאַציאָנעלע שטריכן קענט איר אַליין שרייבן. העריס דער שעקספּיריאָלאָג וועט אייערע לייענער נישט אינטערעסירן...

כמעט אין דעם זעלבן דרך האָט ער געענטפערט, ווען מען האָט אים געבעטן צו שרייבן וועגן ט. ס. עליאָט:

— דאָס באַנאַלע וועגן אים קענט איר אַליין שרייבן. עס איז נישט נייטיק אַז איך זאָל אין אייער צייטונג שרייבן וועגן ט. ס. עליאָט דעם פּאָעט... דערצו באַדאַרפט איר נאָך דערציען היפּש אייערע לייענער...

דער קלוגער מיכל ליכט האָט צופיל געוואוסט וואָס אַ צייטונגסמענטש קען פון אים פאַרלאַנגען: פאַרוואולגאַריזירונג פון אַ וויכטיקע ליטעראַרישע טעמע. ביים קריגן דעם נאָבל־פּרייז איז וויכטיק פאַר די פּרימיטיווע צייטונגס־לייענער צו צעשמירן די געהיימע ליבעס און סענסאַציעס פון דער באַטרעפנדיקער פערזענלעכקייט. נישט מיכל ליכט איז דער מענטש צו כאַפּן שיריים פון אַ צייטונגס־מענטש. נישט ער איז פאַראינטערעסירט אין ביליקער, זשורנאַליסטישער פּובליסיטי. ער איז אפשר דער איינציקער מענטש וואָס האָט אין פאַרלויף פון זיין גאַנץ לעבן אויסגעהיטן זיין פעדער פון דער מינדסטער פאַרשוועכונג.

מיכל ליכט האָט פאַרהאַלטניסמעסיק זייער ווייניק געשריבן. פופצעטוועגן זאָגט ער צו מיר איינמאָל, בשעת אַ פריערדיקן באַזוך:

— הלוואַי וואָלט איך געשריבן אַ דריט חלק פון דעם וואָס כ'האָב געשריבן. איך האָב צופיל געשריבן...

עוועלין ליכט האָט אַריינגעבראַכט טיי, קוכן און שאָקאָלאַדע: מיר האָבן געטרונקען. איך האָב באַטראַכט די אויסערגעוויינלעכע ציכטיקייט אינם צימער. די פיינע וואַסערפאַרבן אויף די ערשט־געמאָלעוועטע ווענט. נאָר מיך האָט מער פאַר אַלץ געהאַלטן געשפּאַנט די פערזענלעכקייט מיכל ליכט: איך האָב פאַר זיך דערזען אַ זייער קראַנקן, זייער סענסיטיוון, זייער פראַגילן מענטש מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אינטעלעקט. עטוואָס ביטער, פאַרביטערט, פערזענלעך געקריוודעט. אָבער, אַלע זיינע מיינונגען און אָפּיניעס דיקטירט פון אַ העכערער מאָראַל. ער מעסט און וועגט און אורטיילט אַבסאָלוט נישט פון אַ שמאָל־עגאָאיסטישן שטאַנדפּונקט. ער איז דאָס אָביעקטיווע אויג וואָס זעט אַלע אומגערעכטיקייטן אין דער ליטעראַטור. ער איז דאָס נביאיש־פלאַמיקע אויג, פאַר וועלכן מען קען נישט פאַלש פּאָזירן. ער איז צו קלוג צו פאַרזען יענעמס שוואַכקייטן. ער ווייסט אַלץ וואָס מענטשן טוען אָפּ צוליב קאַריערע: ער קוקט בליציק אַרונטער אין דער מענטשלעכער נאַכט פון אַמביציעס און יאָגענישן פאַר געלט, כבוד און אייביקייט. **ער האָט אָפּגעטויט אין זיך אַלע אַמביציעס. ער האָט קיין שום דראַנג נישט צו ווירקן. ער איז דאָס קאַלטע אויג וואָס זעט די באַוועגונגען פון אַלע געשעענישן. ער האָט דערגרייכט ריינקייט, הייליקייט. די יסורים האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ צדיק. ער איז מענטשלעך־שוואַך — אָבער ער באַזיגט אַלע שטרויכלונגען אין גאַנג צו אַבסאָלוטער ריינקייט. וואָס ער האָט אין זינען — איז די ליטעראַטור ווי אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך. מיט איר אייגענער לאָגיק, אייגענע געזעצן, אייגענע עסטעטיק.**

ליכט קען אויסגעצייכנט די שרייבער פון זיין דור און סביבה ווי־שוואַכלינגען און קריפּלען: ער זעט די שרייבער אין אַלע זייערע געמיינקייטן. ער קען גוט די דאָזיקע קליינע און נישטיקע מענטשעלעך. אָבער ליכט אורטיילט זיי נישט מיט קנאה און מיט שנאה. אויך אפילו נישט פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט. ער ריכטעט זיי פונם שטאַנדפּונקט פון דער מאָראַל אין קונסט. ער האָט זיין אייגענע מאָראַל — די פון דער קונסט. קיין אַנדערע מאָראַל אָנערקענט ער נישט. ער איז אַ מין טיראַן פון ריינער, פּאַגאַנישער קונסט. ער פאָדערט אַבסאָלוט די ריינע פולקאָמענקייט פונם קונסט־צעך. **ער פאָדערט בלויז איין העכסטע קוואַליטעט: ריינקייט פון די כוהנים פון דער קונסט. ער פאָדערט די מאָראַל אין נאָמען פון דעם גאָט פון קונסט.**

מיכל ליכט האָט אפשר נישט די מאָראַל פון אַ איד, פון די נביאים. ער האָט נישט די מאָראַל פון גאָט. פון דער רעליגיע. זיין מאָראַל איז אַ ריין־קינסטלערישע. אין נאָמען פון דער דאָזיקער מאָראַל איז ביי אים עזרא פּאָונד ריינער ווי, לאָמיר זאָגן, יוסף אָפּאַטאָשו. אין נאָמען פון זיין געצנדינערישער קונסט איז ביי אים ט. ס. עליאָט אַ כהן־גדול פון דער קונסט.

ווען מען גיט אַ טראַכט ווי יעדעס צייטונגס־זשורנאַליסטל פּאַראַדירט מיט גאַנצע טאָגן נאַציאָנאַליזם, ליבשאַפט צו זיין פאָלק און עקסהיביציאָניסטישן אויסשטעל פון זיינע מענטשלעכע אייגנשאַפטן (?) — וואַקסט אויס די פיגור פון אַ מיכל ליכט צו אַ קרישטאָלענער ריינקייט. שוין אין דער וואַגונג צו זיין אָביעקטיוו אין אַן אויפגעהעצטער וועלט־סביבה איז פאַראַן נישט־דורכשניטלעכער כאַראַקטער. דאָס נישט גיין מיטן פעבל. דאָס פאַרבלייבן איינזאַם־שטאָלץ און אומקאָמפּראָמיסלעך־ריין. דאָס נישט אויסקלייבן דעם גרינגסטן און פּאָפּולערסטן וועג פון ביליקער רעקלאַמע און זיכערן דערפאָלג. דאָס אַלץ איז אמתע גרויסע פערזענלעכקייט.

דאָס לעבן וואָס מיכל ליכט האָט געפירט פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, איז געווען אַ מאָנאַכיש, אַסקעטיש לעבן. דאָס האָט מיכל ליכטן דערמעגלעכט צו שטיין אַריסטאָקראַטיש־איינזאַם אין אַ זייט פון לעבן, אין אַ זייט פון דער דזשאָנגלדיקער ליטעראַרישער סביבה. דאָס גיט אים אויך די מעגלעכקייט צו שטיין אויפן שפּיץ פונם טורם און צו זען מענטשלעכע שוואַכקייטן מיט דער אָביעקטיוויטעט פון אַ האַלב־גאָט... זיין מאָראַלישע מעסט־שנור איז איינציק און אַליין: די ליטעראַטור. ער נויטיקט זיך נישט, ווי שוין געזאָגט, אין רעליגיע, מאָראַל, נאַציאָנאַליזם